וואַידאַ אַנטוויקלט אַ גראַנדיעז בילד פון לאָדזש אין 19־טן יאָרהונדערט, און ענדיקט דעם פילם מיט אַן אומפאַרגעסלעכע סצענע: דער פאָלאַק קאַראָל זיצט ביים טיש פון זיין ביוראָ; מען מעלדעט, אַז די אַרבעטער שטרייקן. ער באַפעלט די פאָליציי זאָל שיסן אויף די אַרבעטער, און די קאַמעראַ־לענס פאַלט אויף זיינע פאַרפלאָכטענע הענט. די הענט ווערן וואָס אַ מאָל גרעסער און גרעסער, און עס דוכט זיך, אַז זיי הערן אויף צו זיין הענט און ווערן אַ פאַרכאַפערישע מאַשין. די פאָטאָגראַפיע איז נישט קיין צופאַל, דער דירעקטאָר האָט געוואוסט וואָס ער וויל.

דער יום־טוב איז פאַרביי. נאָר איך גלייב אַז דער פעסטיוואַל, די דירעקטאָרן מיט זייערע אידייען וועלן געפינען אַ וועג צו ציען אונדזער אויפמערקזאַמקייט אויף אונדזער אַרום און אונדזער לעבן.

קובאַ געטלער

תיקון־טעות

אין דער דערציילונג פון י. מ. לעווין „דער פלאַן מוז ווערן אויסגעפירט" אין ערשטן זאַץ: „עס איז געווען יאַנואַר, די צייט פון די גרעסטע פרעסט" — דאַרף זיין: „עס זענען אין יענעם יאָר געווען אויסנאַמלעך שטאַרקע פרעסט".

רחל בעקער

א בוך — אן אוצר

(צום אָנדענק פון שרייבער אפרים קאַגאַנאָווסקי)

אין וואַרשע פאַר דער מלחמה פלעגט מען אים זען עלעגאַנט געקליידט, אַ שיינער ברונעטער, מיט אַ פאָר שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, איילנדיק זיך סרוב אויף פזשעיאַזד, אין דער ריכטונג פון ליטעראַטן־פאַראיין, וואָס האָט זיך געפונען אויף טלאָמאַצקע 13. כמעט יעדעס מיידל וואָס האָט געוואוסט ווער ער איז האָט דיסקרעט, ער זאָל נישט באַמערקן, געמוזט אויסדרייען אַ ביסל דעם קאָפ אים נאָכצוקוקן. ער האָט מיט זיינע דורכדרינגלעכע אויגן, ווען ער איז אייך פאַרביי געגאַנגען, באַצוואונגען אים נאָכצוקוקן; ווער שמועסט נאָך אַז איר האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ יידישער שרייבער; און וועלכעס אינטעליגענט, פראָלעטאַריש יידישע מיידל האָט נישט געוואָלט קומען אין דער סביבה פון שרייבער און דיכטער אין וואַרשע? געפינען זיך אין דער געזעלשאַפט פון יידישע שרייבער איז געווען אַ הויכע מדרגה פאַר יעדעס מיידל, וואָס האָט געהאַט אַ באַדערפעניש צו וועלן זיך דערהייבן איבערן טאָג־טעגלעכן דורכשניטלעכן לעבן. קומען אויף טלאָמאַצקע 13 איז געווען פאַר איר אַ גרויסע דערגרייכונג— אַ דערגרייכונג, אַ גייסטיקע.

צווישן דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און יידישער אינטעליגענץ האָט מען מער געהערט וועגן די שרייבער און דיכטער ווי: שולשטיין, קנאַפהייס, שלעווין. כ'דערמאָן זיך נישט, כ'זאָל ווען עס איז האָבן געהערט לייענען קאַגאַנאָווסקיס אַ דערציילונג. דערפאַר אָבער איצט, פון אַ דיסטאַנץ פון עטלעכע צענדליק יאָר, ווען כ'קער זיך אום צו וואַרשע און לייען צום וויפלסטן מאָל קאַגאַנאָווסקין, זע איך ווי גרויס איז געווען זיין טאַלאַנט; ווי זיינע דורכדרינגלעכע אויגן האָבן אַלץ געזען און זיינע אויערן האָבן געהערט. קודם כל וועגן דער וואַרשעווער שפראַך.

אַנטקעגן דער ווילנער, אָדער וואָלינער אויסשפראַך איז די וואַרשעווער אויסשפראַך נישט קיין שיינע. מיר האָבן זיך מיט איר באַנוצט און אַליין עס נישט באַמערקט. כ'וואָלט אפילו געזאָגט: עס זענען געווען אַ סך קלענערע שטעטלעך, וואו די שפראַך איז געווען אַ סך שענער ווי די וואַרשעווער. קאַגאַנאָווסקי איז געווען אַ קינסטלער זי אויפצוכאַפן און אַריינפירן אין זיינע דערציילונגען. יעדעס גאַס אין וואַרשע האָט פאַרמאָגט אירע ספעציפישע איינוואוינער, כאָטש שכנותדיקע גאַסן, און די איינוואוינער זענען געווען אַנדערש; אַן אַנדערע מענטאַליטעט.

איך שרייב נישט וועגן דער מאַרשאַלקאָווסקע אָדער קרולעווסקע גאַס. דאָס זענען געווען „יענע גאַסן" ווי מען האָט זיי מיט כבוד גערופן. דאָס האָט געמיינט: די פוילישע

טאַקע אַ דאַנק די פילם־פעסטיוואַלן זענען היינט פאַראַן אין שטאָט קינאָס וועלכע ווייזן אַזעלכע פילמען, וואָס פאַר־נעמען זיך מיט אויבן דערמאָנטע פּראָבלעמען.

דער פעסטיוואַל האָט דורכגעמאַכט אַ מעטאַמאָרפאָזע, מיר האָבן היינט אָפּנעמער פאַר גוטע, לאַנג־מעטערדיקע קאָמערציעלע פילמען, און דער פעסטיוואַל האָט דאָס טאַקע באַשטעטיקט. אַ מאָל, ווען אַ דירעקטאָר האָט געוואָלט זיינע פילמען זאָלן אויך געוויזן ווערן אין אויסטראַליע, האָט ער דאָס געקענט טאָן נאָר דורכן פעסטיוואַל, היינט אָבער געפינט ער אייגנטימער פון קינאָס וואָס ווילן דער־פאַר באַצאָלן מיט מזמן. דער וויכטיקסטער באַשטאַנדטייל פון היינטיקן פעסטיוואַל זענען די קורצע קונסט־פילמען, פון 5־20 מינוט. כדי צו מאַכן אַ לאַנגן פילם, מוז דער דירעקטאָר געפינען אַן אינוועסטאָר אין זיין אידיי, אָבער דעמאָלט שטייט דער דאָזיקער פינאַנסיסט איבערן קאָפּ פון דירעקטאָר, ער זאָל מאַכן אַזאַ פילם וואָס וועט געפעלן ווערן אַ ברייטערן עולם. אַז מען לייגט אַריין געלט דער־וואַרט מען אַ פאַרדינסט.

נישט יעדער דירעקטאָר טראָגט דעם נאָמען פון בערגמאַן אָדער פעליני, וואָס זייער נאָמען אַליין גאַראַנ־טירט אַ פינאַנסיעלן דערפאָלג פונעם פילם, און גיט דעם פינאַנסיסט די זיכערקייט פון פּראָפיטן. די קליינע פילמען אָבער ווערן געמאַכט מערסטנס דורך אונטערשטיצונג פון אינסטיטוציעס; אויך דורך אַ קינסטלער, וואָס לייגט אויס זיין אייגן געלט און וויל זאָגן דער וועלט וואָס ער טראַכט וועגן איר. אויף דעם פעסטיוואַל זענען דאָ בעסערע אָדער ערגערע אַזעלכע 120-130 פילמען.

יעדעס יאָר, נאָכן פעסטיוואַל, באַקומען מיר דערפאַר אַן אַנונג וואָס עס טראַכט דער דענקענדיקער מענטש וועגן אַלע פּראָבלעמען מיט וועלכע מיר לעבן.

קאַנאַדע האָט צוגעשיקט אַ 27־מינוטיקן פילם „שפּאַ־ציר אין דעם וואַלד" („וואָוק אין טהע פאָרעסט") — וועגן אויל־זוכענישן אין אַלאַסקאַ, און ווי אַזוי די זוכענישן רירן אָן דעם באַלאַנס וואָס גאָט האָט אונדז געגעבן אין דער נאַטור. מען טאָר נישט, אומבאַשטראָפט, נעמען פון דער נאַטור און איר גאָרנישט צוריקגעבן. די פאָטאָגראַפיע פון מיכאַל אַלאַנזאָ האָט געמאַכט פון פילם אַ 27־מינו־טיקן פּאָעטישן ספּעקטאַקל.

„פּעטערי" — אַ 16־מינוטיקער אונגאַרישער פילם וועגן קינדער און זייער ערשטער באַגעגעניש מיט קונסט.

„פוטפּרינט" — אַ פראַנצויזישער 8־מינוטיקער פילם, וועגן וועלכן עס ווילט זיך שרייבן שעהן. הונדערטער קינדער גייען אַרום יאָרן לאַנג מיט אַ מעכאַניזם צוגע־טשעפּעט צו זייער מוח. דורך דעם אַפּאַראַט באַאיינפלוסן די דערוואַקסענע, אַז דאָס קינד זאָל זיך אויפפירן לויט די געזעצן פון מאָראַל פון אונדזער געזעלשאַפט. אויב ער וועט נישט האָבן דעם אַפּאַראַט וועט ער זיין אַליין און הילפלאָז. איז דאָס נאָר בנוגע קינדער? די אַכט מינוטן מאַכן אַ שווערן איינדרוק. דער דירעקטאָר פון דעם אָריגי־נעלן איינפאַל, זשאַק אַרמאַנד, ווייזט אונדז אַז אויב איי־נער האָט עפּעס צו זאָגן קען ער עס זאָגן אין אַ פאָר מינוט. דער פילם האָט באַקומען דעם 2־טן פּריז אויפן היי־יאָריקן פעסטיוואַל.

„בעאַרדינג אָף טהע פּרעזידענט" — אַן 18־מינוטי־קער אַמעריקאַנער פילם — אַ קאַריקאַטור אויף ריטשאַרד ניקסאָן; אימפּראָוויזירט פון רופּ טאָרן, מיט אַריינגעפלאָכ־טענע סצענעס פון שעקספּירס ריטשאַרד דעם 3־טן. ס'איז קאָמיש, נאָר עס נעמט אַרום אַ שרעק, ווער ס'איז געווען פּרעזידענט פון אַזאַ מעכטיק לאַנד.

„קאַפּע באַר", אַן ענגלישער 5־מינוטיקער פילם: אַ געשפּרעך פון אַ פרוי מיט אַ מאַן ביי אַ גלעזל קאַווע. צוויי איינזאַמע מענטשן וואָס זוכן אַ וועג צו פאַרשטענדיקן זיך און קענען נישט; יעדער מענטש איז אַ גאַנצקייט פאַר זיך. אַפילו ווען זיי ווילן זיך אויפמאַכן און פאַרשטענדיקן, קענען זיי דאָס נישט. ווער פון אונדז קען נישט דאָס געפיל?

„האָט ספּאָט" — אַן 8־מינוטיקער פילם פון אַמערי־קע: אַ געוואַגטער מענטש, מיט אַ קאַמערע, גייט אַראָפּ אין די טיפענישן פון אַ וואולקאַן. זיינע פאָטאָגראַפיעס באַווייזן דעם קוואַל פון וואולקאַן. די געוואַגקייט פון ראָמין לעהמאַן (דער פאָטאָגראַפיסט) מאַכט אַ קאָלאָסאַלן איינ־דרוק, אַזוי געלונגען זענען די פאָטאָגראַפיעס פון נאַטור סטיכיע פון אַזוי נאָענט...

„ליפט" — אַ 14־מינוטיקער בעלגישער פילם: דער מענטש — טראָץ די אַלע דערפינדונגען האָט וואָס אַ מאָל ווינציקער צייט; ער פאָרט טאַקע 30 סעקונדן אין אַ ליפט, אָבער דאָס איז אים אויך אַ שאָד. ער הייבט אָן מיט פאַר־בינדן זיין קראַוואַט אין דער ווינדע בשעתן פאָרן, אָבער יעדן טאָג גיט ער עפּעס צו צו זיינע באַשעפטיקונגען אין די דאָזיקע דרייסיק סעקונדן: ער טוט זיך איבער; ער מאַכט שוין אפילו פרישטיק און עסט. האָט ער אַ קורץ־שלוס און ער קומט אום.

וועגן די קורצע פילמען וואָלט מען געקאָנט נאָך פיל שרייבן, אָבער עס ווילט זיך דערמאָנען אויך אַ פּאָר לאַנגע פילמען, ווי: „מאַיאַקאָווסקי לאַפס" („מאַיאַקאָווסקי לאַכט") פון סאָוויעט־רוסלאַנד. אַ שלעכטער פילם, פול מיט סאָוויעטישער פּראָפּאַגאַנדע — נאַקעטע פּראָפּאַגאַנ־דע אָן שום פּרעטענסיעס. אויב מען זאָל דעם דאָזיקן פילם נעמען אַלס מאָס פון סאָוויעטישער פילם־פּראָדוק־ציע, שטייט זי, מיט איר נאַיוויטעט, נאָך אויפן ניוואָ פון מערבדיקע פילמען אין די דרייסיקער יאָרן. נאָר אַ לאַנד וואָס האָט נישט קיין אומאָפּהענגיקע קריטיק, קאָן אַרויס-לאָזן אַזאַ פילם. נאָכן זעען אַזאַ פילם, מוז דער סאָוויעטי־שער פילם־גייער טראַכטן: צי האָט מאַיאַקאָווסקי טאַקע געלאַכט?

די פראַנצויזן האָבן צוגעשיקט אַ פּרעכטיקן פילם: „ווינצענט, פראַנסואַ, פּאָול ענד אָטהערס" — אַ געשיכטע וועגן דריי פריינט, וואָס ס'לעבן גייט ביי זיי נאָרמאַל, צו ביסלעך אָבער פאַרלירן זיי דעם גרונט אונטער די פיס. ס'אַנטשטייען פּראָבלעמען מיט זייערע פרויען, מיט זייערע

מיינט נישט, זאָגט הערבער, אַז דער ריטשאַרדסאָן איז אַ ציוניסט. נייך, ער האָט בלויז געטאָן אַ געפּעליקייט סאָניען. געשיקט האָט מען אים קיין טביליסי אויף עפּעס אַ וויסנ־שאַפטלעכע קאָנפערענץ.

— שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אין ישראל האָט מען אונטער מיין נאָמען אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל וועגן די ברידער וויינמאַן, דאָס איז פאַר מיר אין גאַנצן אומגע־ריכט, איך בין געווען זיכער, אַז יענע, וועלכע אינטערעסירן זיך מיטן גורל פון די וויינמאַנס, וועלן זיך ווענדן צום אינטערנאַציאָנאַלן רויטן קרייז. אויף וויפיל איך האָב שוין דערמאָנט וועגן די ברידער וויינמאַן, דאַרף איך כאָטש אין קורצן איך דערציילן וועגן זייער „געשיכטע". אין מאַי 1972 האָבן לעאָניד און אַרקאַדי וויינמאַן, זייענדיק שכור, אַרויסגעוואַרט געלט ביי אַ יינגל. איינער אַ מענטש וואָס איז געווען דערביי האָט זיי געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז עס איז נישט שיין אָפּנאַרן אַ קינד, זענען זיי באַפאַלן דעם מענטשן און שטאַרק אים צעשלאָגן. דערפאַר האָט מען זיי פאַרמשפּט צו אַ באַשטימטן טערמין תפיסה.

— דעם אמת געזאָגט, האָב איך טאַקע זייער מאַמען נישט געגלויבט בפרט, אַז איך האָב געוואוסט אַז אָט די ברידערלעך האָבן געהאַט אייביקע קאָנפליקטן מיט די שכנים און אַז אפילו די מאַמע אַליין איז געווען קעגן דעם, אַז זיי זאָלן פאָרן קיין ישראל..."

אַז מען רעדט, פאַררעדט מען זיך. פון דעם אויבן ציטירטן אינטערוויו, אַרויסגענומען פון אַ סאָוויעטישער צייטונג קען יעדער איינער, וואָס איז נאָר אַ ביסל באַקאַנט מיט די באַדינגונגען אין סאָוויעט־רוסלאַנד נאָך אַ מאָל זען די גרויסע טראַגעדיע פון די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד.

קובאַ געטלער

דער 25-טער פילם-פעסטיוואַל

(עטלעכע באַמערקונגען)

מיר האָבן איצט געפייערט דעם 25־טן יערלעכן פילם פעסטיוואַל אין מעלבורן. נאָר דעמאָלט, ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דער סיטואַציע פון קינאָ מיט 25 יאָר צוריק, קען מען אָפּשאַצן וואָס דער פעסטיוואַל האָט אויפגעטאָן פאַר מעלבורן. מיט יאָרן צוריק זענען כמעט די איינציקע פאַרשפּרייטער פון פילמען געווען (ב. קאַטעגאָריע) די אַמעריקאַנער און ענגלישע פילם־קאָמפּאַניעס. אמת, מיר האָבן געהאַט אַ קלייעם קינאָ „סאַוואָי" אויף ראַסל סטריט, וואו מען האָט געקענט זען 4־5 פילמען אַ יאָר — גע־מאַכט אין פראַנקרייך אָדער איטאַליע. דאָרטן זענען גע־קומען כמעט אויסשליסלעך ניי־געקומענע; פאַר די אויס־טראַליער איז שווער געווען נאָכצופאָלגן די אַקציע אויפן עקראַן און באַווייזן צו לייענען די קליינע אותיות פון אונטן.

ווען אין יאָר 1951 האָט אַ קליינע גרופּע פילם־ענטוזיאַסטן אָרגאַניזירט דעם ערשטן פילם־פעסטיוואַל, האָבן זיי דערוואַרט אַרום 80 מענטשן. גרויס איז געווען זייער איבעררעשונג, ווען זיי האָבן דערהאַלטן 800 ווענ־דונגען. דער ערשטער פילם־פעסטיוואַל איז פאָרגעקומען אין אָלינדאַ. וויפיל ענטוזיאַזם האָט דאָס פאַרלאַנגט פון די פילם־ליבהאָבער דעמאָלט צו פאָרן אויף דעם שווערן (נישט אַספאַלטירטן) וועג קיין אָלינדאַ? דער גוטער אָפּרוף איז געווען אַ באַווייז, אַז דער פעסטיוואַל איז געקומען אין דער ריכטיקער צייט. אין די ערשטע יאָרן האָט דער פעסטיוואַל אונדז געבראַכט פילמען, וואָס וועלן אַריינ־גיין אין דער געשיכטע פון קינאָ. נעמען פון דירעקטאָרן וועגן וועלכע מיר האָבן געלייענט אין דער אויסלענדישער פּרעסע, ווי אַנטאָניני, פעליני, רענאָאיר, קאָקאָיאַניס, ביור־ניועל, קוראָסאַוואַ ראַי, וואַיאָאַ, רעסטאָאיר, בערגמאַן.

היינט צו טאָג באַזוכן דעם פעסטיוואַל אַרום פיר טויזנט מענטשן. ס'האָט געדויערט לאַנגע יאָרן צו דער־ציען אַזאַ גרויסן עולם. אויפן פעסטיוואַל קען מען זען די רעזולטאַטן פון דער דערציאונג, דער עולם איז נישט גלייכגילטיק צו די געזעענע פילמען. די מערהייט אַפּלאָ־דירט, אָבער ס'טרעפן זיך אויך טייל מאָל מענטשן, וואָס פייפן אויף דעם זעלבן פילם. אָפט הערט מען באַמער־קונגען: „דאָס יאָר איז נישטאָ קיין גוטע פילמען" — איך מיין אַז די דאָזיקע מענטשן פאַרשטייען נישט די אויפ־גאַבע פון אַ פילם־פעסטיוואַל אין די 70־קער יאָרן. מיר האָבן היינט אין מעלברן 5־6 קינאָס, וואָס באַדינען אויס־שליסלעך דעם געשמאַק פון מענטשן וואָס זוכן עפּעס מער ווי אַ שיינע געשיכטע אין פילם. דער מענטש אין מעל־בורן הויבט אָן צו פאַרשטיין, אַז ווען אַ קינסטלער שאַפט אַ לעבן אויפן עקראַן, האָט דאָס לעבן קיין מאָל נישט קיין ענדע; די באַוועגונג פון לעבן ברענגט אַלע מאָל אַריין נייע אומפאַרשטענדלעכע עלעמענטן.

אין די צווישן־מענטשלעכע באַציאונגען איז דאָס געזאָגטע אַ קלענערער ענטפער אויף פראַגעס, ווי דאָס נישט דערזאָגטע. מען האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז דעם עיקר פון מענטשלעכער דראַמע קאָן מען געפינען נישט נאָר אין גרויסע געשעענישן, נאָר אויך אין דער טאָג-טעגלעכער דראַמע פון מענטשלעכן לעבן. אויפן פעס־טיוואַל האָט מען זיך אָנגעהויבן צו באַקענען מיט מענטשן פון ווייטע קולטורן; מען פרובירט זיי צו אונדז דער־נענטערן. זייער באַנעמען זיך איז אונדז געווען פרעמד, אָבער אויך פרעמד איז אונדז אונדזער שכן. ס'קען זיין, אַז אונדזער דערציאונגס־סיסטעם האָט אונדז געהאָלפן צו פאַרמאַכן די אויגן אויף דעם פאַלן פון סיסטעט, וועלכן מיר האָבן דערפונדן. מיט אָט די פּראָבלעמען איז דער פעסטיוואַל, מיט זיינע פילמען געקומען צו אונדז. איז

הערש סמאָלאַר, וועלכער איז געווען אַ וויכטיקער יידישער קאָמוניסטישער טוער אין פוילן און אין ראַטן־פאַרבאַנד, דערציילט וועגן אַ פרימיטיוון יידישן ייִנגל מיטן צונאָמען גאַרבאַטי, וואָס איז געוואָרן אַן איבערגעגעבענער קאָמסאָמאָלעץ און מען האָט אים געשיקט לערנען קיין מאָסקווע און וועגן אַ יידישן קאָמוניסטישן טוער אשר בער וואָס האָט איבערגענומען די אויפזיכט איבער גאַרבאַטין און איז געוואָרן זיין פריינד און לערער. און סמאָלאַר שרייבט:

„מיט דער צייט האָט זיך צווישןביידע איינגעשטעלט אַ נאָענטע פריינדשאַפט. גאַרבאַטי פלעגט זיך גוטמוטיק צעשמייכלען, ווען בער פלעגט אים ווינטשן צו האָבן אין קאָפּ אַזוי פיל, ווי פיל אין די ידים. ער פלעגט אפילו פרוּוון דעליקאַט אַ גלעט טאָן זיין „רבי" איבערן פולשטענ־דיקן ליסן שאַרבן, בער האָט אָבער דערביי זיך אַזוי פאַר־קרימט, אַקוראַט ווי מ'וואָלט אים אַ קעם געטאָן מיט אַן אייזערנעם קאַם."

דאַן דערציילט אונדז סמאָלאַר, ווי גאַרבאַטי איז גע־וואָרן אַ מאַיאָר אין נ.ק.וו.ד. און ווי מען האָט אַרעסטירט אשר בערן און אים געבראַכט צו זיין געוועזענעם תלמיד. און ער ענדיקט.

„וואָס איז פאָרגעקומען ביי גאַרבאַטין אין קאַבינעט, ווען מען האָט צו אים אַריינגעפירט אשר בערן, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן איינער דעם צווייטן די אַלטע חברים — איינער אַלס אויספאָרשער און דער צווייטער אַלס באַשול־דיקטער — דאָס ווייס מען נישט. קענענדיק ביידע פון שול־באַנק און נאָך פריער, וואָלט איך אפשר מיט דער הילף פון דער פאַרשטעלונגס־קראַפט און לויט דעם, וואָס געוועזענע אַרעסטירטע האָבן דערציילט, געקאָנט אַן ערך אויפשטעלן דעם דיאַלאָג, וועלכער האָט, ווי אַלע מאָל, זיך אוודאי פאַרענדיקט מיטן אויספאָרשערס „מאָנאָלאָג" — מיט די געמיינסטע, ווילדסטע, טיף באַליידנדיקסטע זידל ווערטער, וואָס בלויז די רוסישע שפּראַך פאַרמאָגט אַזעלכע.

„איינס איז אויף זיכער באַוואוסט: פון גאַרבאַטיס קאַבינעט האָט מען דעם אַלטן יידישן אַרבעטער־טוער אַרויסגעטראָגן מיט אַ צעשמעטערטן קאָפּ. די זעלבע האַנט וואָס האָט געהאַט אַ מאָל געגלעט די ליסינע פונעם „קאָפּ מענטש", האָט אַ סוף געמאַכט צום לעבן פון זיין אייגע־נעם חבר און לערער."

דערפילט איצט הערש סמאָליאַר אַ וויכטיקע אויפ־גאַבע, דערציילנדיק דעם טראַגישן אמת. אָבער מען מוז שטעלן די פראַגע: וואו ביסטו געווען אַזוי לאַנג — חבר הערש סמאָלאַר?

מיינט דער דיכטער זיך אַליין?

אין זעלבן נומער „ירושלימער אַלמאַנאַך" (נום. 4, 1975) געפינען מיר אַ ליד פון אַ געוועזענעם קאָמוניסטישן טוער פון פוילן א"נ „צוויי דיכטער":

פאַר דעם אַלעמגרעסטן
צוויי באַרימטע דיכטער שטייען
און אין דיכטונג זיך פאַרמעסטן.
איינער זינגט זי בקול רם
מיט געוואַלדן און געשרייען
ווי עס זאָלן פון די בערג
פאַלן שטיינער אין אַ תהום:

און ער ענדיקט:

דעריבער גלויב
וואָס העכער עמעץ טוט זיין שטים אויפהויבן,
אַלץ וויניקער איך טו אים גלויבן.

גערענקען מיר ווי דער דיכטער פון דער דאָזיקער פּאָעמע האָט זייער הויך געהויבן זיין שטים און דעריבער קען מען צו אים אָנווענדן די לעצטע שורה פון זיין ליד: „וויניקער איך טו אים גלויבן".

אַז מען רעדט, פאַררעדט מען זיך

אין „סאָוויעטישן היימלאַנד" (נום. 4, אַפּריל 1976) געפינט זיך אַ גרויסער אַרטיקל פול מיט אַטאַקעס קעגן סאָוויעטישע יידן, וואָס ווילן עמיגרירן קיין ישראל, פון וועלכן מיר קענען זען דעם גוואַלדיקן דרוק וואָס מען ווענדט אָן אָפּצושרעקן די סאָוויעטישע יידן פון טראַכטן צו פאַרלאָזן דעם ראַטן־פאַרבאַנד. צווישן די פיל ציטאַטן פון פאַרשידענע סאָוויעטישע צייטונגען געפינען מיר אַ ציטאַט וואָס באַלייכט נאָך אַ מאָל די טראַגעדיע פון די סאָוויעטישע יידן, וואָס ווילן פאָרן קיין ישראל.

ס'שרייבט נ. סאָלאָוויאָוו אין דער צייטונג „קראַסנאָיע זנאַמיאַ" פון כאַרקאָוו וועגן אַן אינטערוויו וואָס ער האָט געהאַט מיט לעאָניד הערבער, אַ קאַנדידאַט פון טעכנישע וויסנשאַפטן, וואָס האָט אָנגעגעבן אַ ביטע אויף אַ דער־לויבעניש צו פאָרן קיין ישראל:

„מיט אַ יאָר צוריק האָט ליובאַשיץ (פון ישראל) מיר געקלונגען אין טעלעפאָן און געבעטן, איך זאָל זיך באַגע־גענען מיט די עלטערן פון די ברידער ווײַנמאַן, וועלכע זיצן פאַר אַ קרימינעלן פאַרברעכן, דערוויסן זיך עפּעס וועגן זיי. איך האָב אים נישט געקענט אָפּזאָגן. דאָס זעלבע האָט מיר געבעטן די ענגלישע בירגערין סאָניע, אַלס אַ פאָרשטייער פון אַ בריטאַניער יידישער אָרגאַניזאַציע. איך האָב זיך דורכגעשמועסט מיט דער מוטער פון די ברידער ווײַנמאַן. זי האָט מיר געזאָגט, אַז מען האָט זיי אַריינגע־זעצט, קלוימערשט דערפאַר, ווייל זיי האָבן געוואָלט פאָרן קיין ישראל. האָב איך דער מוטערס ענטפער איבערגעגעבן ליובאַשיצן.

— אין נאָיאַבער 1974 האָט סאָניע מיר געקלונגען און געזאָגט, אַז צו אונדז וועט קומען איינער אַן ענגלענדער און מען דאַרף פאַר אים צוגרייטן אַ פאָטאָגראַפיע פון די ווײַנמאַנס. אין עטלעכע טעג אַרום איז צו מיר אַהיים געקומען אַן אויסלענדער, וועלכער האָט זיך אָנגערופן מייקל ריטשאַרדסאָן. ער האָט מיר געבראַכט פון דער בריטאַניער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צוויי קינדערשע סוועטערס.

עס איז ווייך און בויגעוודיק, עס איז שטורמיש און איינ־געהאַלטן. מיט דער זעלבער מייסטערשאַפט און קענטשאַפט ווי ער קנעט אויס פון רויען וואָרט־ליים סאָפּיסטיצירטע מאָדולאַציעס, טראָגט ער איבער אויפן לייוונט די איינגע־זאַפּטע אין זיך ניגונים פון לעבן מיט דער הילף פון צאַרטן פּאַסטעל.

ער גיט נישט דעם צושויער רעטענישן צו לעזן. ווען מען קוקט אויף זיינס אַ שטודיום פון אַ פּנים אָדער פון אַ טעאַטער־מאַסקע, בלייבט מען נישט שטיין ווי פאַרצס משוגענער בטלן, וואָס ווייסט נישט וואָס ער האָט צו טאָן. מען זעט וואָס דער קינסטלער האָט געזוכט און מצליח געווען צו געפינען: די פּאַרטיפונג פון מענטשלעכע עמאָ־ציעס. ער געפינט דערהויבנקייט אין דעם רויען אַקט פון פּשוטן לעבן, און ער באַלויכט אים מיט זיין אינערלעך ליכט. ווען דאָס וואָלט נישט געשען, וואָלטן די פּנימער געבליבן נשמהלאָז, פּראָזאַאיש, דעריבער טריוויאַל.

די שפּיל פון ליכט און שאָטן אין די אויגן, אויף די ליפּן פון זיינע צאָלרייכע טיפּן רעדן אָ רייד, זיי דערציילן וועגן שאַפער מער ווי וועגן זיך.

פון וואַנען שעפּט ער זיין גייסטיקע יניקה? י. ראָט־בוים איז אָפּגעריסן פון זיין נאַטירלעכן מקור פון וועלכן ער שטאַמט, צו וועלכן ער געהערט. עס פעלן אים די מאַסן, דאָס היימישע, נאָענטע רויע ליים, אין וועלכן ער וואָלט געקענט אַריינהויכן דעם רוח החיים פון זיין קונסט. ער איז דאָך נישט אין גאַנצן אָפּגעריסן פון דער נאַפּל־שנור, וואָס בינדט אים מיטן עכאָ פון קוואַליקן, שפּרודלדיקן לעבן, פון דער נישט ווייטער, טראַגיש פאַרשניטענער, פאַרגאַנ־גענהייט.

די זאַפּטן, וואָס האָבן אים אין זיין קינדהייט גענערט, רעגענערירן זיך אין אים מיטן כוח פון פאָלקישער פאַריר־שונג, און ער שטייט אין דער זעטיקייט פון זיין זומער פול מיט רייפע פּירות. אויף דער אויסשטעלונג זעען מיר די פּרוכטן פון זיין מיפולן אָנשטרענג אַרויסצוברענגען דאָס אינערלעכע שיינקייט פונעם מענטש. אָן דעם וואָלטן די בילדער פאַרבליבן טויטע מאַסקעס. מיר זעען דאָס פלאַס־טישקייט פון אַ האַלבן שמייכל; מיר זעען די טיפקייט פון מחשבה, מיר זעען אויך דעם טרויער וואָס פאַרנעפּלט דאָס אויג. מיר זעען די ווייכקייט פון אַ מאַמעס שטילן שמייכל אין דעם צעאַקערטן פּנים פון אַן אַלטיטשקע; די שטרענגע שטריכן אין דעם קוילנגרעבערס פאַרטראַכטקייט.

מיטן אינסטיקט פון אַ קינסטלער דעקאָנספּירירט ער די אינטימיטעט פון געגעבענעם טיפּ, וואָס געווײַנטלעך ווערט עס מיט אייפער געהיטן פאַר אַ פרעמד אויג. דער קינסטלער דערזעט — און ברענגט עס אַרויס אויף דער אויבערפלאַך מיט ציכטיקייט און רעאַליטעט.

פאַראַן אַ רייכע גאַלעריע טיפּן און טעאַטער־מאַסקעס פון פראָמינענטע אַקטיאָרן. פאַר י. ראָטבוימס טעאַטראַלער טעטיקייט איז עס מער ווי נאַטירלעך. פאַראַן טיפּן פאָלקס־טימלעך־יידישע צוגלייך מיט נישט יידישע. דאָס איז זיין קרעדיט אַלס אמתער קינסטלער, ווייל טראָץ זיין טיפן צו־בונד צו אייגנס, פאַרשטעלט עס נישט פון אים די וויזיע פון הומאַנעם אוניווערסאַליזם — מיט וועלכער יעדער שאַפער, אפילו איינער פון אויסגעשפּראָכענעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער — ווערט מער ווי באַרייכערט.

א. אייזענער

אויפן שפּיץ פּעדער

די וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידישער קולטור אין ירושלים געזען פון דער „רעכטער" זייט

אין אונדזער קאָלום („מעלבורנער בלעטער" נומ. 2), האָבן מיר געשריבן וועגן דער קאָנפערענץ אין ירושלים, געזען פון דער „לינקער" זייט („סאָוויעטיש היימלאַנד" און „יידישע קולטור") — איצט ווילן מיר זען ווי די זעלבע קאָנפערענץ זעט אויס פון דער „רעכטער" זייט.

מ. י. נירענבערגער שרייבט אין „אַלגעמיינעם זשור־נאַל" (איבערגעדרוקט אין „די יידישע נייעס", דעם 7־טן מאַי ה"י):

„...איינע פון די טראַגי־קאָמישסטע צוזאַמענפאָרן דעם זומער וועט בלי ספק זיין די וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש, וואָס די יידישיסטן און בונדיסטן, צוזאַמען מיט „געוועזענע" קאָמוניסטן אָרגאַניזירן איצט... היינט איז שווער צו פאַרשטיין די מענטאַליטעט פון געוויסע „וועלט־לעכע" יידן אין אַמעריקע. יידישיסטן וואָס האָבן חרוב געמאַכט דורות אַמעריקאַנער יידן. ווער זענען געווען די גייסטיקע טאַטעס זייערע — די וואַרשעווער „פאָלקס־ציימונג" צי קאַציזנעס ראַדיקאַלער „פריינד", היינט ווען די דאָזיקע יידישע קולטור ליגט אין רינשטאָק?..."

איז איבעריק אָנצוווייזן, אַז יעדער אָנשטענדיקער ייד מוז זיך אָפּגרענעצן פון די אויבן געבראַכטע ציטאַטן, ווי אויך פון דעם גאַנצן אַרטיקל וואָס איז פול מיט זידלע־רייען אויפן חשבון פון טראַגיש אומגעבראַכטן פוילישן יידנטום. און צוליב וואָס איז די גאַנצע שנאה? בלויז צוליב דעם וואָס דער „פאָרווערטס" באַטייליקט זיך אין די צוגרייטונגען צו דער קאָנפערענץ?

ווי זאָגט דאָס ווערטל: יופּיטער בינסט אין כעס, אַ סימן ביסט נישט גערעכט!

גלויבן מיר, אַז טראָץ אַלע אַטאַקעס פון רעכטס און לינקס, וועט די קאָנפערענץ אין ירושלים דורכגיין מיט דערפאָלג און דערפילן איר וויכטיקע אויפגאַבע פון שטאַרקן יידיש און דורך דעם במילא שטאַרקן די גייסטי־קע אייניקייט פון אונדזער שווער געפּרוּווטן פאָלק.

וואו ביסטו געוועזן אַזוי לאַנג — הערש סמאָלאַר?

אין ירושלימער אַלמאַנאַך (נומ. 4, 1975) אַרויסגע־געבן פון דער יידישער שרייבער גרופּע אין ירושלים, גע־פינען מיר אַ זייער אינטערעסאַנטע אַרבעט פון הערש סמאָלאַר „מיט דער זעלבער האַנט".

י. מ. לעווין

פון ביכער-טיש

יעקב י. מייטליס „אין גאַנג פון דורות" — עסייען וועגן תנ"ך, פאָלקלאָר און ליטעראַטור. פאַרלאַג ישראל בוך, 1975.

די עסייען שטעלן מיט זיך פאָר אַ קווערשניט איבערן גאַנג פון יידישן פאָלק, פון די פרי־היסטאָרישע צייטן ביזן היינטיקן טאָג.

אין יעדן עסיי, צי וועגן מאָרד פון קין איבער הבלען, צי דער אויפשטייג פון דעם יונגן ערד־אַרבעטער גדעון צו אַ נאַציאָנאַלן העלד, צי די פאַרבאָטענע ליידנשאַפט פון אמנון צו זיין שוועסטער תמר — ווערן פון דער דראַמאַטישן שטאָף די ציגל, פון וועלכע ער בויט די פאַרטיפטע שטודיומס פון די אויסנעמלעכע געשעענישן פון יענע ווייטע צייטן. די געשעענישן זענען אין זייערע הויפּט־הנחות, אין זייער מוסר השכל, טיילווייז אויך אין סיוזשעט, פאַרשוועסטערט מיט געשעענישן אינעם היינט. קינס רציחה, ווייט אין פרע־היסטאָרישער דיסטאַנץ, בלייבט ווי אַ סימבאָל פאַר אַלע באַגאַנגענע „אומלעגאַלע" צי „לעגאַלע" מאָרדן, זינט יענעם ערשטן טונקעלן מאָמענט אין דער פסיכיק פון קדמונישן מענטש.

דאָס בוך באַהאַנדלט אַ סך עצמדיקע עטיש־מאָראַלישע פּראָבלעמען. אַ טייל געשעענישן, לעגענדע צי וואָר זענען אויס אַרכאַיש. זייער קאָנטעקסט האַרמאָניזירט נישט מיט דעם אַלגעמיין מענטשלעכן, ספּעציעל יידישן באַגריף וועגן זיטלעכקייט. די האַנדלונג פון תמר, יהודהס שנור, און אפילו פון רות, די העלדין פון דער שיינער, אידילישער דערציילונג, זענען אין סתירה צום יידישן געדאַנק, אפילו פון דעם ייד פון פאַרצייטנס. די קאָסמעטיק פון געשיכטלעכן אָפּקלייב האָט וואַרשיינלעך קאָרעגירט די רויעווירקלעכקייט, און צו אונדז זענען זיי דערגאַנגען פאַרוייכטע, אידעלע פאַסטעל־געמעלן.

איינער פון די עסייען איז געווידמעט גדעונען פון שבט מנשה פון פאַר דריי טויזנט יאָר צוריק. די היינטיקע גדעונס, די קיבוצניקעס פון גליל, באַזיצן אַ סך בשותּפותדיקס מיטן אַמאָליקן. ביידע בינדט דאָס געפיל פון צוגעבונדנקייט צום פאָלק און אויך פחדלאָזע העלדישקייט.

מיט אַ ציטאַט פון רמטכ"ל יצחק ראבין (נאָך דער מלחמה פון די זעקס טעג) — „די ווערטיקייט פון אונדזערע קעמפער באַשטייט נישט אין זכות פון אייזן, נאָר אין זכות פון אַן איבערצייגונג, פון אַ העכערער שליחות צו פאַרזיכערן דעם קיום פון פאָלק" — פאַרבינדט י. מייטליס די גדעונס פון אַלע תקופות אין אונדזער געשיכטע. דער קווערשניט איבערן גאַנג פון פאָלק איז נישט באַגרענעצט צו אָפּגעשלאָסענע עפּיזאָדן און תקופות. גיכער איז עס אַ פּרווו אַריינצובליקן אין דער פאָלקס־נשמה, אין אַלע אירע אויסשטראַלונגען במשך דעם לאַנגן וואַנדער־וועג פון ייד.

איוב־מאָטיוון אין שלום־עליכמס פאָלקישן טיפ טוביה; עקדה און גאולה־מאָטיוון ביי לייוויקן, זענען ווי אַן עכאָ פון דער אַמאָל. י. מייטליס האָט אין די קאַפּיטלען „מיכה" און „אליהו" פּראַכטפול אַרויסגעברענגט די אויפפאַסונג פון גאָט און געטלעכקייט אין דער פסיכיק פון דעם פּרי־מיטיוו.

אינעם זוכן די אידיי פון אַבסאָלוטן צדק אויסגעגליט מיטן בליציקן וואָרט פון די נביאים, געפינט מען לייכט דעם פּאַראַלעל מיט דער היינטצייטיקייט. בלאָנדזשעט דאָך אַרום, אין אַ לאַבירינט אָן אַן אויסוועג, דער היינטיקער מענטש אין זיינע זוכענישן פאַרן סובלימען אויסדרוק פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער רעכט.

י. מייטליס דערגייט אויך צום מקור פון אוראַלטן פאָלקלאָר ביי פאַרגלייכן מיטן פאָלקלאָר פון אַנדערע אַלטערטימלעכע קולטורן. דערנאָך מאַכט ער אַ קפיצת הדרך־שפּרונג ביז אַנסקין, וועמען ער ווידמעט אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג. זיינע אַנאַליזן זענען פאַרטיפט און באַהויכט מיטן דראַנג צו געפינען די עטיש־מאָראַלישע אימפּראַטיוון, וואָס האָבן דערהויבן דעם יידישן גייסט אין אַלע צייטן פון זיין דויערהאַפטיקן זיין.

פּנימער און מאַסקעס

בילדער־אויסשטעלונג פון יעקב ראָטבוים

(אין לעאָ פינק־זאַל, „קדימה")

די בילדער-אויסשטעלונג האָט אַנטפּלעקט פאַר יידיש מעלבורן, אַז יעקב ראָטבוים, דער קינסטלער פון וואָרט און שוישפּילער, איז אויך אַ מייסטער פון שטריך און קאָליר.

אין יעדן קונסט-ווערק געפינט זיך אידיי, אויסטייטש, און דאָס וויכטיקסטע — די אויסלויכטונג פון דעם שאַפערס נשמהדיקייט. אָן דעם לעצטן, וואָלט ראָדינס באַרימט ווערק „דער דענקער" געבליבן קאַלטער שטיין. דער וואָס קען קוקן טיפער, וועט לייכט „דערזען", אַז דורך דער שטיינערנער פיגור לויפן דורך שטראָמען פון דעם סקולפּטאָרס מחשבות.

פון די טיפענישן פון דער קונסט און פון דער ליטעראַטור האָבן אַרויסגעשפּראָצט פאַרשידענע בלומען. אַ דאַנק די זוכענישן פון שרייבער און קינסטלער נאָך נייע אויסדרוק־פאָרמען, זענען די בלומען געווען פאַרשידן אין זייער שיינקייט. עס זענען געשאַפן געוואָרן טערמינען פאַר יעדער נייער פאָרם — די „איזמען". אין וועלכן „איזם" קען מען אַריינפּאַסן י. ראָטבוים, דעם קינסטלער פון וואָרט קלאַנג, פון מימיק, דעם מייסטער פון שטריך און ליניע, פון ליכט און שאָטן?... אַ סך „איזמען" האָבן יונגערהייט אויסגעהויכט די נשמה, געבליבן איז בראָדערזאָנס אַ זאָג: „איזמען — איז מען!" י. ראָטבוים איז אַ זעלבסטשטענדיקער „איזם".

מיר קענען די מוזיק פון י. ראָטבוימס וואָרט־קלאַנג.

געדרוקטע שירים. מיט אַ מאָל האָט זי באַמערקט אַ וואָרט,
וואָס איז איר קענטלעך געווען. איבער די שירים, ביי דער
זייט איז געשטאַנען אויפגעשריבן מיט קורסיוו: פנינה. יאָ
דאָס איז עס — איר נאָמען. אין דער רגע איז איר קלאָר
געוואָרן זיין סודותדיקער שמייכל; זיין פאַרברענגען דעם
חפש אין תל־אביב; און לסוף: דאָס געבן איר דעם זשורנאַל,
וועלכן זי קאָן נישט לייענען. פאַרשטאַנען אָבער האָט זי:
דאָס זענען שירים אין יידיש, וועלכע ליפּע שאַפּיראָ האָט
איר געשענקט...

פון איבערראַשונג האָבן איר אויסגעפעלט ווערטער.
דאָס האַרץ האָט גענומען האַסטיקער קלאַפּן, און ווייל זי
האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן — האָט אַ שעמעוודיקע
רויטקייט פאַרגאָסן איר פּנים. זי האָט דערלאַנגט ליפּען
דעם זשורנאַל, אַ דריק געטאָן זיינע הענט, און אַ שעפּטשע
געטאָן:

— תודה רבה...

ליפּע האָט מיט יינגלישער פאַרלעגנהייט גענומען דעם
זשורנאַל צוזאַמען מיטן וואַרעמען האַנט-דרוק און זיך גע־
לאָזט צום חדר אוכל. מיט אלע זיינע חושים האָט ער אָפּגע־
פילט, אַז אין דער מינוט איז דאָ עפּעס בשותפותדיק צווישן
זיי — קען זיין — ס'וועט זיך עפענען פאַר אים אַ נייער
האָריזאָנט.

פנינה, וועלכע איז געבוירן געוואָרן אין קיבוץ, האָט
ליפּען אויסגעזען ווי אַ שטילער פאָרט, וואו ער קאָן נאָך
די אַלע שטורעמס פאַראַנקערן זיין לעבן. געטרוימט האָט
ער פון אַ באַלאַנסירטער רו. ביי טאָג האָט ער טאַקע גע־
לערנט אין אולפּן, געאַרבעט אין גאָרטן — אין די נעכט
אָבער איז ער נאָך אַלץ געווען דאָרטן: אַרומגעקראָכן אין
די זומפּן; זיך אויסבאַהאַלטן; אויפגעריסן באַן־רעלסן; געזען
די בלויע, קינדערישע אויגן פון דריי־חדשימדיקן פאַרטי־
זאַן, וועלכער האָט זיין לעבן אַוועקגעגעבן, צו ראַטעווען די
אַרומגערינגלטע אין אַפּריל פון דריי־און־פערציק, אין די
פּאָליעסיער זומפּן. אַ טייערער יאַט געווען, נאָר ביינאַכט
האָט ער געוויינט פון נעץ, פון קעלט, און זיין טאַטע, דער
קאָמאַנדיר האָט אויף אים אַרויפגעלייגט זיין האַנט... די
בלויע אויגן פון דריי־חדשימדיקן פאַרטיזאַן, אַ געבוירענער
אין וואַלד ברענען אויס אַ לאָך אין זיין מוח. זיי מאָנען:
נקמה! נקמה! און אַז ליפּע וועקט זיך אויף אין אַ טייך פון
שווייס — פילט ער די נעץ, פון די פּאָליעסיער זומפּן, וואו
אַהין די דייטשן האָבן זיי פאַרטריבן אויף אומקום...

דאָס דאָפּלטע לעבן האָט אים געמאַטערט. דורך פנינהן
קאָן זיין דער ווידערגעבורט פון ליפּע שאַפּיראָ. ער וועט
זיך אָנשטעקן מיט איר רואיקייט, און אַ חוץ אַלעמען...

דאָס מיידל האָט פאַרמאָגט אין זיך דעם אַראָמאַט פון
פּרדס; די פרישקייט פון אַ פּרוכט, אין דער קילקייט פון
פרימאָרגן...

אַלטער נאַר — האָט ער צו זיך אַ זאָג געטאָן. מחמת
געפילט האָט ער: ער ווערט ראָמאַנטיש. און ווי קאָן אַ
מענטש, אַ שטייגער ווי ער — פאַרגינען זיך צו זיין
ראָמאַנטיש?

אָנערקענונג פון יידיש דורכן בילדונגס־מיניסטעריום אין ישראל

מיט פאַרגעניגן דרוקן מיר דעם צוגעשיקטן מאַטע־
ריאַל פון חיים פינקעלשטיין, דירעקטאָר פון בילדונגס־
דעפּאַרטאַמענט פון סוכנות פאַר די „מעלבורנער בלעטער".

דער באַשלוס פון ישראלדיקן בילדונגס־מיניסטעריום
צו אָנערקענען יידיש ווי אַן אויסוואַל־קעגנשטאַנד ביי די
מאַטורע־עקזאַמענס אין די מיטלשולן איז אָן ספק אַ וויכ־
טיקע דערגרייכונג פאַר דער יידיש־קולטור אין ישראל.

אויף דער זיצונג אין ביוראָ פון בילדונגס־מיניסטע־
ריום אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט: דער בילדונגס־
מיניסטער אהרן ידלין, דער פאַרזיצער פון דער קאָמיסיע
פאַר איבער־עלעמענטאַרער דערציאונג אין בילדונגס־מי־
ניסטעריום ד"ר כרמי יוגב, דער ראַטגעבער פון בילדונגס־
מיניסטעריום ד"ר דן רונן, פּראָפ. חנא שמערוק — טיטו־
לאַר פון דער יידיש־קאַטעדרע ביים ירושלימער אוניווערסי־
טעט, יצחק קאָרן — פאָרזיצער פונעם קאָמיטעט פאַר
יידיש און יידישער קולטור אין ישראל און ד"ר אליעזר
כגן, פאַרוואַלטער פון דער גימנאַזיע אין קרית חיים, וואו
מ'לערנט שוין זינט 10 יאָר יידיש אין 3 קלאַסן, איז גע־
קומען צום אויסדרוק די וויכטיקייט פון לערנען יידיש אין
ישראל, וואָס וועט געבן אַ מעגלעכקייט די שילערס זיך צו
באַקענען מיט די גרויסע ליטעראַרישע און קולטורעלע
אוצרות פון יידישן פאָלק סיי אין דער פאַרגאַנגענהייט, סיי
אין דער קעגנוואַרט.

דער בילדונגס־מיניסטער אהרן ידלין האָט אויך אונ־
טערגעשטראָכן, אַז דאָס לערנען יידיש אין ישראל איז אַ
נאַציאָנאַלע פליכט, ווייל דאָס וועט דערנענטערן די הי־
געבוירענע צום גלות יידנטום.

אויף דער זיצונג איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן
צוויי פּראָפעסיאָנעלע קאָמיסיעס וואָס זאָלן צוגרייטן די
לימודים־פּראָגראַמען און לערן־מאַטעריאַל, וועלכע זענען
נויטיק צו די מאַטורע־עקזאַמענס דער גאַנצער מאַטעריאַל
וועט אָפּגעדרוקט ווערן אין ספּעציעלע בראָשורן און אי־
בערגעגעבן ווערן די שול-פאַרוואַלטערן, כדי צו דערמו־
טיקן די שילערס וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין לערנען
יידיש. אין נאָמען פונעם קאָמיטעט פאַר יידיש און יידישער
קולטור אין ישראל, האָט יצחק קאָרן אונטערגעשטראָכן, אַז
דאָס אָנערקענען יידיש ווי אַ לערן־שפּראַך אין ישראל וועט
אויפגענומען ווערן מיט גרויס סאַטיספאַקציע אין די יידי־
שע תפוצות.

אויף דער זיצונג איז אויך געקומען צום אויסדרוק
די טיפע אָנערקענונג פאַרן בילדונגס־מיניסטער אהרן ידלין
פאַר דעם באַשלוס, וועלכער וועט אויך זיין אַ דערמוטיקונג
צו דער פאַרשטייענדיקער וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש
און יידישער קולטור.

ער וויל אַוועק פון מיר
צום ציל פון זיין באַשאַף
און מיט דער שווערד פון וואָרט
באַרעכטיקן דאָס זיין.
נאָר כ׳פּענטע אים מיט גוואַלד
פאַרשמיד אים צו דעם שטיין —
וייל מענטש, דו מענטש אין מיר
דו ביסט נאָך אַלץ אַליין . . .

ג. ס׳האָט אַ קלאַנג
און אַ קלאַנג
באַשאַפן דאָס וואָרט.
ווי גאָט האָט באַשאַפן
דאָס הייליקע אָרט
פון זיין אייגענעם זיין . . .

* * *

נאָכן צוריקקומען פון תל־אביב, וואו ליפע שאַפּיראָ האָט פאַרבראַכט זיין חפש, זיינע עטלעכע פרייע טעג, האָט פנינה באַמערקט ווי אויף זיין פּנים שפּילט אַ שמייכל, וואָס איז אַן אָפּשטראַל פון אַ פאַרבאָרגנקייט מיט וועלכער ליפע טראָגט זיך אַרום. וועמען האָט ער דאָרטן געטראָפן? האָט זי ביי זיך געטראַכט. ביי די מענטשן פון נעכטן, פּאַסירן זייער אָפט ניסים, און זיי טרעפן אַ נאָענטן, וועלכן מ׳האָט שוין לאַנג געהאַלטן פאַר טויט. אפשר האָט עמיצער אים איבערגעגעבן אַ גרוס פון אַ מיידל, וועלכע איז אים אַ מאָל נאָענט געווען, און דער נצחנדיקער שמייכל איז אַ באַשטעטיקונג דעראויף. זי האָט זיך געכאַפּט, אַז ליפע שאַפּיראָס גורל נעמט איר אינטערעסירן, און האָט זיך אַ טראָפּעלע פאַרשעמט פאַר זיך אַליין — אַ סאַברע, און נעמט ווערן סענטימענטאַל?

ער האָט נאָך אַלץ נאָכגעפאָלגט איר זוניקן שמייכל, ווי תמיד, אָבער דאָס איז שוין נישט געווען דאָס זעלבע ווי אין די ערשטע וואָכן. עס איז איר אפילו אויסגעקומען מאָדנע, וואָס פון די אַלע שילער אין אולפּן, איז ליפע שאַפּיראָ אַנדערש. מיט פרוילעכער אינטואיציע אָבער האָט זי אויסגעפילט, אַז זיין באַזוך אין תל־אביב, זיין איצטיקער שמייכל וואָס פאַרבאָרגט עפּעס, האָט אַ שייכות צו איר. כאָטש זי האָט געהאַלטן פאַר אַ צייט־פאַרלוסט די פּסיכאָלאָגיע גריבלענישן, ווייל היינער־צוכט און אַגריקולטור איז אַ ממשותדיק־קאָנקרעטע און נוצלעכע זאַך, און נשמה־פילטרירונגען זענען נישט פאַר איר — האָט זי מיט אַ געוויסן גראַד פון נייגער אָפּגעוואַרט די אַנטוויקלונג פון אָט דער סודותדיקייט וועלכע ליפע פאַראַט, מיטן אופן פון קוקן אויף איר.

זי האָט ליפען געטראָפן אומטעום, וואו זי אַליין האָט געדאַרפט זיין. ביי די היינער איז ער געווען נוצלעך, אין פּרדס האָט ער פאַרשטאַנען וואָס צו טאָן. ס׳האָט איר הנאה געטאָן, וואָס דער בחור נעמט אַריינוואַקסן אין קיבוץ. כאָטש לעולם איז עס נישט געווען דער זעלבער וועג, וואָס האָט די מענטשן געפירט אין קיבוץ אַריין. זיי, אירע עלטערן, האָבן געהאַט די וויזיע פון דער אידיי, און דער קיבוץ הארצי איז געווען קודם דער פּאָליטישער בונד פון זייער געמיינזאַמקייט. דער פּועל־יוצא פון דער פּאָליטישער איינשטעלונג — איז געווען דער קיבוץ. פון דער פּאָליטיק האַלט זיך ליפע וויטלעך, כאָטש זי באַמערקט, אַז טייל מאָל פירט ער ליידנשאַפטלעכע דיספּוטן, אָבער נאָר מיט די חברים פון דאָרטן. איז אפשר געזונטער אַז ער זאָל אַריינוואַקסן אין קיבוץ דורך דער הינטער־טיר?

די שילער פון אולפּן באַטראַכטן זייער זיין דאָ ווי אַ צייטווייליקע דערשיינונג. אַן איבערגאַנגס שטופּע; די בריק — צווישן נעכטן און מאָרגן. זיך אויסלערנען די שפּראַך אויף אַזוי וויל, מען זאָל קאָנען זיך מיט איר אַן עצה געבן אין שטאָט. אַזוי קוקן אויך די שילער אויף די, וואָס לערנען זיי — די לערער. געוויס — די בחורים און מיידלעך פון אולפּן העלפן אין דער קיבוץ־ווירטשאַפט, דערמיט באַצאָלן זיי פאַר דער אויסהאַלטונג דאָ, און פאַר די לערער. ליפע באַציט זיך צו דער אַרבעט מיט פערזענלעכן אינטערעס, וואָס קען פאַרוואַנדלט ווערן אין פּערמאַנענטקייט. די היינער און דער פּרדס האָבן טייל מאָל פאַרלאַנגט מער צייט, ווי די וועלכע בלייבט איבעריק פון לערנען. האָט ליפע צוליב דעם אפילו גענומען דורכלאָזן די לעקציעס.

— דאָס איז נישט בסדר — האָט אים פנינה מוסר געזאָגט, כאָטש ביי זיך האָט זי געהאַלטן, אַז ליפע איז גערעכט:

— די אַרבעטן אין דער ווירטשאַפט קאָנען נישט וואַרטן...

* * *

לאַנג האָבן זיך פנינה און ליפע געוואַשן ביים אייניציקן קראַן, וועלכער האָט געדינט פאַר אָנפילן מיט וואַסער די אַזבעסטענע רינעס, פון וועלכע עס טרינקען די היינער. זייער וואַשן זיך ביים קראַן צוזאַמען האָט געהאַט עפּעס אין זיך פון אַ געהיימען ריטואַל, וועלכן נאָר זיי ביידע האָבן פאַרשטאַנען. און כאָטש דער וואַש־צימער איז געווען נישט ווייט פון חדר אכל, איז עס פאַר זיי ליבער געווען צו וואַשן זיך דאָ. עס איז שוין געווען פאַרנאַכט, און זיי האָבן זיך געלאָזן צום חדר אכל, אויף נאַכט־עסן.

פאַרשעמט האָט ליפע אַרויסגעצויגן פון טאַש אַ זשורנאַל, צונויפגעלייגט אין פירן.

— רגע — האָט ער פאַרהאַלטן פנינהן, און עס איר דערלאַנגט.

זי האָט גענומען אין האַנט אַרייך דעם זשורנאַל, נישט פאַרשטייענדיק פון וואַנען עס האָט זיך גענומען צו ליפע, און צוליב וואָס ער האָט עס איר געגעבן. זי האָט אויסגעגליכט זיינע זייטן. דאָס זענען געווען מאָגערע זייטלעך פון פּשוטן פּאַק־פּאַפּיר, צונויפגענומען מיט אַ מעטאַלענעם קלאַמער. די שריפט איז איר געווען באַקאַנט — יידישע אותיות, אָבער לייענען און פאַרשטיין זיי — דאָס האָט זי נישט געקאָנט. זי האָט גענומען מישן די זייטלעך. שוין כמעט אויפן לעצטן זייטל האָט זי באַמערקט קורצע שורות, אויסגעשטעלט אין אַ קאָלום. זי ווייס — אַזוי זעען אויס

פרדס אים דאַרף מען צום ווינציקסטן זאָגן וואָס ער האָט צו טאָן. ער איז מיטן פרדס זייער היימיש, ווי זיי וואָלטן געווען פריינד פון יאָרן. זי קאָן נישט באַנעמען, ווי קומט צו אַ שטאָטישן מענטשן אַ צוגעבונדנקייט צו פויערישערווירטשאַפט. פנינה פאַרשטייט: ווען זי טוט אים אַ פרעג, וואָלט זי באַלד געוואוסט דעם באַשייד. אָבער זי פרעגט נישט. זי וויל, ער זאָל דעם לשון איבערקאָכן אין זיך. די בחורים, וועלכע זענען אָנגעקומען אין לאַנד, אין ערשטן יאָרצענדליק פון דער מדינה, האָט זי שוין באַנומען — איז יעדער אַ וועלט פאַר זיך — אַ וועלט פול מיט ווייטאָג און העלדישקייט און טרויער. אַ יוגנט וועלכע איז געשטאַנען אויפן שייד־וועג צווישן טויט און לעבן — ביי אַזעלכע איז שוין דוכט זיך די יוגנט פאַרגליווערט געוואָרן, ווי עס ווערט פאַרגליווערט דאָס וואַסער אין דער אייז־מאַשין — און פאָרמירט אַן אייז־בלאָק. כדי די יוגנט זאָל ווידער נעמען ווירקן, מוז דער אייז־בלאָק צעשמאָלצן ווערן.

דאַרף פנינה אונטערלייגן דעם פייער, אָדער מוז דער אינערלעכער גלי זיין אַזוי שטאַרק, עס זאָל פון זיך אַליין צעשמאָלצן ווערן?

פנינה האָט געלערנט אַגראָנאָמיע און היגער־צוכט. מענטשן־פסיכאָלאָגיע איז נישט איר געביט. רירט זי זיך צו דעם נישט צו. פון דעסטוועגן האַלט זי אַן אויג אויפן בחור, וואָס לייגט צו קאָפּ צום לשון, צו דער אַרבעט — אָבער האַלט זיך נאָך אַלץ זייטיק צו פּראָבלעמען, וועלכע נורטעווען אין קיבוץ.

— ער דאַרף זיך אַליין בייקומען — טראַכט זי ביי זיך. — עס איז נישט גוט צו ווערן אַ שותּף צו זיין געראַנגל צווישן נעכטן און מאָרגן — ער שטייט נאָך אַלץ אויפן שייד־וועג. געוואונדערט האָט איר בלויז איינס, און אפשר נישט אַזוי ווייט געוואונדערט, ווי אַ טראָפּעלע טשעקאַוועקייט איז געווען אין דעם, וואָס ליפּע נוצט מער שרייב־פּאַפּיר ווי די איבעריקע חברה אין אולפּן. זי האָט אַ פאַרדאַכט, אַז שטילערהייט מוז ער שרייבן אַ טאָגבוך, אָדער עפּעס ענלעכס. די נייגעריקייט האָט אַ צי געטאָן:

— וואָס פאַרצייכנט ער דאָרטן? מיט וועלכע געדאַנקען טראָגט זיך אַרום דער בחור?

זי האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט, און אַ לאַך געטאָן:

— איך וועל עס סיי ווי נישט קאָנען לייענען, עס איז דאָך זיין ייִדיש...

נאָכן פאַרנאַכטיקן עסן האָט ער זיך פון חדר אכל פאַרקליבן אין לייען־זאַל וואו אויפן פרימיטיוו־צענויפגעקלאַפּטן טיש זענען געלעגן אָנגעלייגט פאַרשידענע צייטונגען. ער האָט אַ מיש געטאָן די, יענע — זיך לענגער פאַרהאַלטן אויף די ליטעראַרישע אָפּטיילונגען. ער האָט געפּרוּווט אָנטאַפּן דעם דופּיק, מיט וועלכן ס'קלאַפּט די ליטעראַטור דאָ הי. שטילערהייט האָט ער געבענקט נאָכן טאָג, ווען אויך זיין נאָמען וועט נעמען זיך באַווייזן איבער אַן אַרטיקל, אַ ליד. צווישן אים און די צייטונגען איז געשטאַנען די שפּראַך — די זעלבע, וואָס צווישן אים און פנינהן.

— אַ הויכן באַרג דאַרף מען איבערקלעטערן, און וואָס ליגט אויף דער צווייטער זייט?

עס האָט אים אַ צי געטאָן צו זיך אין צימערל, צום העפט, וועלכן ער האָט אָפּגעשפּאָרט אין דעם אולפּן. ער האָט אַ קוק געטאָן אין זיך, און אויפגעשריבן: פּרימיטיווע לידער. עס איז אים געפעלן געוואָרן. אָנהייבן ווי דער אור־מענטש — פון פּרימיטיוו, און נעמען אַריינוואַקסן אין לעבן לאַנגזאַם — ווי עס וואַקסן די בוימער אין פּרדס. יעדעס יאָר קומט צו אַ רינג. עס ווערט דיקער דער שטאַם. דערמאָנט ער זיך, אַז ייִנגלווייז, ווען מען האָט אָנגעטראָפן אָפּגעזעגטע קלעצער אָפּגעלייגטע נעבן דעם עלעקטראָווניע, כדי נאָכער איבער זיי ציען עלעקטישע דראָטן איבער דער שטאָט, פלעגט מען זיך פאַרנעמען ציילן די רינגען. פּרווון דערגיין: ווי אַלט דער בוים איז געווען.

— דאַרף מען זיך, הייסט עס פירן אין דער ליטעראַטור, ווי אין דער נאַטור — כדי דער שטאַם זאָל פעסטער ווערן, מוז מען לאָזן וואַקסן די רינגען. וועלן עס דערווייל זיין: פּרימיטיווע לידער.

א. דאָס שטומע וואָרט

איז איינגעשלאָסן אין מיין איך —
עס וויל אַרויס
נאָר ס'האָט נאָך נישט קיין טיר.
עס זוכט נאָך אַלץ אַ וועג
צו זאָגן וואָס עס מיינט.
אַנטפלעקן דעם באַשייד
פון אָנקליידן דאָס וואָרט
אין גוף
אין לייב
מיט בליץ
פון דעם געדאַנק.
וויברירט אַ קלאַנג
פון דעם באַריר —
עס זוכט אַ טיר
אַ פענצטער
אפשר גאָר אַ שפּאַלט —
עס רייסט זיך פון דעם
פּאָדעם וואָס אים האַלט.
דאָס שטומע וואָרט —
עס וואַרט נאָך אַלץ
אויף געטלעכן באַריר.
וועט אויפשיינען אַ זון
דורך אויפגעפּראַלטער טיר
און אַ באַפליגלט עס
וועט ס'שטומע וואָרט
באַפרייען זיך פון מיר . . .

ב. דער מענטש אין מיר
ער רייסט זיך פון דער קייט —
וואָס צייט און גייסט
פאַרזיגלט האָבן אים.

מ. אייזענבוד

פנינה

דערציילונג

(אַ קאַפּיטל פון ראָמאַן „אויף דאָס ניי")

דער אולפּן וואָס האָט אויך געדינט ווי אַ שול אין קיבוץ, האָט געהאַט לאַנגע טישן און בענק, אויסגעשטעלט אַנטקעגן די פענצטער. דאָס האָט ליפּע שאַפּיראָ אויסגעזען, ווי די אויפסניי געפונענע קינדער־יאָרן, וועלכע האָבן אויף אים אַ וויי געטאָן מיט יענעם ווייטן אַ מאָל. נאָר דעם אמת געזאָגט, דער ווייטער אַ מאָל איז סך־הכל געווען אַ שפּאַן פון בלויז עטלעכע יאָר, זינט ער האָט זיך צעשיידט מיט אָט די טישן און בענק וועלכע זענען געשטאַנען אין ווייסרוסישן שטעטל. אַ היפּשן טייל פון זיין לעבן האָט ער פאַרבראַכט צווישן אָט די שול־בענק.

עס איז געווען אַ ביסל מאָדנע, נאָך דעם אַלעם וואָס ליפּע שאַפּיראָ האָט באַוויזן דורכצולעבן אין די יאָרן וואָס זענען פאַרגאַנגען צווישן די און יענע שול־בענק, זיך ווידער אַוועקזעצן מיטן בלייפעדער און העפט כדי אָנצויאָגן. אויף יענע שול־בענק איז ליפּע שאַפּיראָ געווען אַ סך מאָל פאַרטרוימט, פאַרקלערט אין אַנדערע זאַכן, און פאַרפעלט צו הערן די אַלע קלוגע רייד פון לערער. אָבער אַצינד זענען זיינע אויערן אָנגעשפּיצט צו יעדן שאַרך, און זיין אויג איז אויפמערקזאַם אויף יעדער נישט געוויינטלעכער באַוועגונג — וואָס רופט אַרויס אומצוטרוי, און וועקט פאַרדאַכט. דער דאָזיקער וואַלד־אינסטינקט האָט זיך ביי ליפּען פאַרשאַרפט אין די אומעטיקע יאָרן ווען דער וואַלד איז געווען זיין היים און די ביימער — זיינע נאָענטסטע פריינד און באַשיצער.

מיט אַ געוויסער שעמעוודיקייט, וואָס נעמט זיך פון געפיל, אַז נאָך אַלעמען איז שוין שפּעטלעך דאָ צו זיצן — האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק. ביים טאָוול איז געשטאַנען די יונגע קיבוץ־לערערין פנינה, און כאָטש ליפּע איז געווען עלטער פון איר — האָט ער אין אָנבליק פון איר זיך ווידער דערפילט ווי אַ יינגל און מיט צעשטראַלטע אויגן געקוקט צו איר; נאָכגעפאָלגט אירע באַוועגונגען, און דעם אופן ווי אַזוי זי רעדט אַרויס די האַרטע העברעאישע ווערטער מיט אַ וויכער, וואַרעמער שטים. איר בליק איז געווען אַ שפּיגל אויפן וואַנט — וואו דער בליק איז געפאַלן, האָט אַ ליכטיקער פלעק אַ צאַפּל געטאָן. ווי אַ קינד וואָס יאָגט זיך נאָכן העזעלע אויפן וואַנט, האָט ער זיך געיאָגט נאָכן זוניקן צאַפּל פון פנינהס בליק, און געפּרוווט זיך וואַרעמען אין אים. איר בליק איז תמיד געווען פרילינג; תמיד יונג; צוזאָגנדיק. און כאָטש ער האָט זיך נאָך אָט דעם בליק געיאָגט שוין עטלעכע מאָנאַטן זינט ער איז אין קיבוץ, און זינט פנינה האָט איבערגענומען דעם אולפּן — האָט דער פרילינג נאָך אַלץ נישט פאַרלוירן דעם חן, און ער איז אַלץ נאָך נישט מיד געוואָרן זיך צו יאָגן נאָך אים.

געוואוסט האָט ער: עס איז אומזיסט; וואָלט ער געזען, ווי דאָס קינד יאָגט זיך נאָכן זוניקן העזעלע אויפן וואַנט, וואָלט ער נאַטירלעך מיט דער קלוגשאַפט פון אַן עלטערן געשמייכלט. אַן אָפּטישע אילוזיע. ער האָט געוואוסט דעם באַדייט פון אָפּטישע אילוזיעס — מיראַזשן. זיין לעבן איז פול געווען מיט מיראַזשן — אויסדאַכטונגען פון וועלכע עס איז געבליבן נישט מער ווי דער ביטערער טעם פון אַנטוישונג. געוויס — ער האָט שוין געהאַט די דערפאַרונג פון אַ מענטשן אַ באַיאָרטן, אַן ערנסטן. דער ליכטיקער פרילינגדיקער בליק האָט אין אים צוריק אויפגעוועקט דאָס קינד, פון וועלכן ער איז נאָך סיי ווי ווייט נישט אַוועק — אַ קינד וואָס האָט הנאה פון יאָגן זיך נאָכן זוניקן העזעלע אויפן וואַנט. נאָר ווייל עס איז נישט געווען קיינער וואָס זאָל דאָס אים אונטערזאָגן — האָט ער זיך פאַרהעקלט אויפן בליק און זיך געצאַפּלט.

די שפּיל איז אָנגעגאַנגען כמעט יעדן טאָג, און ביידע זענען נישט מיד געוואָרן. די שמייכלענדיקע פנינה האָט געוואוסט, אַז דער בחור איז פול מיט דינאַמיט און ס'איז גענוג בלויז איין פונק, און ס'וועט אין אים אויפרייסן. איין פונק פון אירע ליכטיק צעשטראַלטע אויגן.

ליפּע שאַפּיראָ האָט מיטן חוש פון אַ וואַלד־מענטש געשפּירט דעם כוח וואָס ליגט פאַרבאָרגן אין אָט דעם מיידל. ביידע האָבן זיך אָבער אָפּגעגעבן אַ חשבון וועגן זייער זיין אין אולפּן, און ליפּע שאַפּיראָ האָט פאַרגראָבן די נאָז אין העפט אַריין און אָפּגעשריבן די פאַרגעבענע אויפגאַבן. ער האָט זיך געלערנט די שפּראַך פון לאַנד — עברית.

* * *

ליפּע קוקט אויף די צעגרינטע ביימער, וואָס זענען געפלאַנצט ביים ראַנד פון פּרדס און זיי פאַרהאַלטן דעם זאַמד, וועלכע ווינטן טראָגן אָן פון מידבר. נעמט זיך אים דוכטן, אַז פנינה איז דער ביימער־צוים, וואָס וואַקסט אויס צווישן אים און זיין נעכטן. זי האַלט זיך ווייטלעך פון אים, ווייל אים נישט געבן די געלעגנהייט, און אים אַליין פעלן נאָך ווערטער, אַ סך ווערטער. אַז ער נעמט זיך אָן מיט מוט און טוט אַ רעד צו איר, צעשמייכלען זיך אירע אויגן און די קנייטשן אַרום מויל טוען לייכט אַ ציטער:

— רק עברית.

וואַרט ליפּע ביז ער וועט האָבן גענוג ווערטער דאָס איר צו זאָגן. דערווייל איז אים אָבער גוט מיטן געפיל, און ער צערטלט אים ווי דאָס וואָלטן טייבעלעך געווען אין אַ קליאַפּ, אויף זיין יינגלשן דאַך, איידער ער לאָזט זיי אַרויס אויף דער פריי. זיי וואָרטשען אין אים, און דאָס גיט אים רו. זיי רוקן אַוועק דעם וואַלדיקן נעכטן העט, העט ווייט.

פון דער זייט קוקט פנינה ווי ליפּע פאָרעט זיך אין

אין דער היים האָט מען אויך אָנגעהויבן צו קוקן גאָר אַנדערש אויף אים, האַלטן שוין פאַר אַ קלוגן און געלערנטן בחור, וואָס ווייסט אַ סך. עס האָט זיך פאַר אים געעפנט אַ נייע וועלט. מען האָט אים שוין מיטגענומען אין צירק אַריין אָדער אין טעאַטער, וואָס זענען פריער געווען פאַר אים פאַרשלאָסענע טירן. ער פלעגט שוין אין ווינטער גיין זיך גליטשן אויפן אייז און אין זומער זיך באָדן — שווימען אין טייך. מען האָט אים אויפגעהערט רופן שמואלעלע, נאָר ער האָט איצט געהייסן שמואלעק.

נאָך צוויי יאָר זיין אין שקאָלע האָט ער, ווי ער דריקט זיך אויס „אָנגעהויבן צו רודערן אַ וועלט". ער האָט צונויפגענומען זיינע חברים און געמאַכט אַ טעאַטער. ער איז באַלד געוואָרן דער דירעקטאָר פון דער קאָמפּאַניע און דער סטאַר פון דער טרופּע. אינטערעסאַנט ווי אַזוי ער שרייבט וועגן זיינע ערשטע שריט אויף די ברעטער:

„איך האָב דאָס רעכט געהאַט דערצו, ווייל איך האָב „צוזאַמענגעפּאַטשקעט" אַ טעאַטער־שטיק און עס אַ נאָמען געגעבן „פּיענקנאַ העלענאַ". דאָס טעאַטער איז געווען מיין אייגנס. ביי אונדז אין שפּייכלער האָב איך גענומען ליידיקע פעסער פון הערינג, אַרויפגעלייגט אויף זיי לאַנגע ברעטער און צוגעדעקט מיט זעק. געמאַכט אַ בינע. פאַרצויגן אויף אַ לאַנגן שטריק צוויי גרויסע ליילעכער און געמאַכט אַ פאָרהאַנג. אַ גלאָק אויף צו קלינגען איז אויך געווען. איך האָב אים געבאָרגט פון געלן איצעק. 3 גראָשן האָט געקאָסט אין די ערשטע רייען און פאַר אַ קאָפּיקע (2 גראָשן) „גיי און געפין דיר אַליין אַ פּלאַץ". דאָס שפּיל איז געווען אַ גרויסער „סוקצעס" סיי מאָראַליש סיי פינאַנסיעל. די טרופּע האָט זיך צעטיילט מיט 9 גילדן און 12 גראָשן."

די הצלחה פון ערשטן שפּילן טעאַטער האָט אים געגעבן מוט און חשק און ער האָט געשטעלט אַ נייע פאָרשטעלונג מיטן נאָמען „טשאַרטאָפּסקאַ לאַוואַ", וואָס האָט אויך געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג.

איין מאָל אָבער אויף אַזאַ פאָרשטעלונג אויף די פעסער אין שפּייכלער איז בשעתן שפּילן געשען אַ קאַטאַסטראָפע. מען האָט אַרויפגענומען אַ טאַטשקע אויף דער בינע, וואָס מען האָט געדאַרפט האָבן צום שפּילן; אַרומפאָרן דאָרט און פאַרקויפן סמאָלע. אַזוי ווי די טאַטשקע איז געווען שווער, האָט זיך די גאַנצע סצענע איינגעבראָכן, אַלע אַקטיאָרן מיט דער טאַטשקע זענען אַראָפּגעפאַלן און די סמאָלע האָט זיך איבער זיי צעגאָסן. עס איז געוואָרן אַ גרויסע בהלה און פּאַניק מיט ליאַרמען, געוואַלדן און געשרייען. דאָס „פּובליקום" האָט געפאָדערט צוריקגעבן זייער געלט פאַר די בילעטן. דער דעמאָלט פאַרצווייפלטער דירעקטאָר שרייבט אַזוי אין זיינע זכרונות וועגן דאָזיקן „אומגליק":

„עס איז געוואָרן אַ גאַנצע רעוואָלוציע. עס האָט גאָר נישט געהאָלפן און מיר האָבן געמוזט אַלעמען דאָס געלט אָפּגעבן. עס האָבן זיך באַוויזן קינדער פון דער גאַנצער וועלט, וואָס זענען גאָר אַפילו אין טעאַטער נישט געווען און האָבן אויך פאַרלאַנגט געלט צוריק. די קאַסע האָט אָבער נישט געהאַט אַזוי פיל געלט און מיר זענען געוואָרן באַנקראָט. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג און מען האָט אונדז צעמזיקט, צעקיילט און צעביילט. מען האָט געמוזט רופן דעם סטראָזש, אַז ער זאָל די קינדער צעטרייבן, צומאַכן דעם טויער און אַ סוף און אַן עק. אויס טעאַטער."

דאָ רייסט זיך איבער דער כתב־יד מיט די אויטאָביאָגראַפישע באַשרייבונגען פון שמואל וויסבערג.

פאַראַן נאָך אין טעקסט פיל שטעלן מיט זעלטענע, שיינע און כאַראַקטעריסטישע שטייגער־בילדער פון מענטשן אין זיין צייט און זייערע מעשים; די סביבה און אייגנאַרטיקייט פון יידישן לעבן אין די פּוילישע פּראָווינץ־שטעט און שטעטלעך נאָכן יאַנואַר־אויפשטאַנד אין 1863 קעגן די רוסן; פאַרשידענע טיפּן ווי דער גמרא־מלמד חיים גענדזל און זיין ווייב, די רביצין חנה־טשיפּע אָדער דער געלער איצעק און זיין ווייב דער קאָזאַק רבקה־רייצע און אַנדערע, וואָס זענען בולט געשילדערט, ווי לעבעדיקע און גיבן אַ סך שטאָף פאַרן געשיכטע שרייבער צו פאַראייביקן די פאַרגאַנגענהייט פון דעם אַלטן און איינגעוואָרצלטן אַמאָל יידישן ישוב אין פּוילן. אָבער דאָס געהערט שוין נישט צו אונדזער טעמע.

איך בין נאָר אויסן געווען איבערגעבן לויט דעם געפונענעם כתב־יד די ערשטע שריט אין לעבן און אויף דער סצענע פון אַ יידישן אַקטיאָר מיט הונדערט יאָר צוריק, וואָס וועט בלייבן אַ מאָנומענט פאַר דעם פּיאָנער און זיידע פון יידישן טעאַטער אין אויסטראַליע.

ישעיה טאַוב

אויף דער וואָך

אין ביולעטין פון וויקטאָריער שרייבער־פאַרבאַנד, פון מאַי 1975, נר. 93 — האָט דער שרייבער ליאָווע פרידמאַן פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג, אין וועלכער ער כאַראַקטעריזירט די יידישע שרייבער פון אויסטראַליע (דער עיקר, מעלבורן). ער אונטערשטרייכט זייער שעפערישקייט און זייערע קינסטלערישע דערגרייכונגען, ווי איינוואוינער פון אויסטראַליע.

דאָס איז געווען אַן ענטפער דעם שרייבער ניאַל ברענאַן, וועלכער האָט אין אַ פריערדיקן נומער פון דעם ביולעטין געשריבן, אַז די עטנישע גרופּן האָבן בייגעשטייערט ווי וויסנשאַפטלער, אינדוסטריעלער און סוחרים — אָבער האָבן גאָרנישט געשאַפן אויפן ליטעראַרישן געביט.

פר' פרידמאַן, אין זיין וואָרט אויפן סימפּאָזיום איינגעאָרדנט דורכן „באָאַרד" (13־14 יוני ה"י) האָט אויך אַרויסגעהויבן די יידישע שרייבער ווי אַ באַוויז, אַז מיר זענען די איינציקע עטנישע גרופּע, וועלכע איז שעפעריש אין איר אייגן מאַמע־לשון.

„די באָבע איז געווען אַ שיינע, געטאָן טובות אָרעמע לייט און געגעבן אַ סך צדקה. זי איז געווען אין אמתן אַ גוטע און קלוגע פרוי מיט אַ ברייט־טער האַנט און אַן אָפענע טיר געהאַט פאַר יעדן. ווען די קינדער פלעגן איר אַ מאָל אויסרעדן, אַז זי וואַרפט צו פיל מיט איר געלט, פלעגט זי זיך שטאַרק צעלאַכן און זאָגן: דערפאַר רופט מען מיך דאָך שפרה די נגידיתטע. זי האָט געפירט אַ גרויסאַרטיק הויז. געהאַט צוויי טעכטער שרה און רחל. מיין טאַטע איז געווען אַ בן־יחיד און דער יינגסטער אין דער פאַמיליע."

ווייסבערג באַשרייבט אַזוי זיין מאַמעס שטעטל סילעוו:

„מען קען עס אַפילו אויף דער לאַנד־קאַרטע נישט געפינען, ווייל עס איז אַזוי גרויס ווי דער טל־ומטר אין אַ קלייך סידורל. גראָד אַ ראָמאַנטיש שטעטל. שיין און רייך באַגאַבט פון דער נאַטור. אַרום און אַרום וואַלד. דאָס גרוי־סע וואַסער די פּיליצע לויפט דורך אין מיטן שטעטל, וואָס ליגט אין אַ טאָל אַרום און אַרום גרין. מיט אַש־גרויע בערג פון אויבן. עס איז אַן איינפאַכע פּאַנאָראַמע; אָבער ציגן האָבן אין דעם שטעטל נישט געפעלט אָן עין־הרע. פראָ־דוקטן האָט דאָס שטעטל געהאַט זייער ווייניק, דער גרעס־טער פּראָדוקט איז געווען קאַלך־אויוונס, וואו מען האָט געברענט קאַלך. נאָך אַ געהויבענע פרנסה איז אין סילעוו געווען; מען האָט געמאַכט אָסלקעס און שאַרפשטיינער. מיט דעם מסחר האָבן זיך די יידן פון סילעוו באַשעפטיקט."

* * *

ווען דער קליינער שמואל האָט געענדיקט 5 יאָר האָט ער אָנגעהויבן גיין אין חדר. צו ערשט ביים דרדקי־מלמד און שפּעטער אין חומש־חדר. ער באַשרייבט אַזוי ווען ער האָט אָנגעהויבן לערנען חומש:

„מען האָט מיר געמאַכט אַ חומש־סעודה, איך האָב געזאָגט אַ דרשה און דער זיידע האָט מיר געשאָנקען אַ זייגערל מיט אַ קייטל". און שפּעטער: „איך האָב אָפּגע־לערנט אַ שטיק צייט חומש. מען פלעגט מיך שיקן יעדן שבת צו אַן אַנדערן גאון פאַרהערן און מען האָט זיך גאָר געצאַצקעט מיט מיר. אַלע האָבן מסכים געווען, אַז איך וואַקס אַן עילוי, ממש אַ גאון. אַלע האָבן געזאָגט איך האָב אַ שאַרפן קאָפּ און איך וועל זיין אַ תלמיד־חכם".

דער זיידע זיינער האָט דעמאָלט געוואָלט: „מען זאָל אים שיקן אין שקאָלע און לערנען עפּעס מענטשלעכעס און וועלטלעכעס. גענוג מיטן חומש, ער וועט דאָס חומש נישט פאַרגעסן", האָט ער געזאָגט. זיין מאַמע אָבער איז בשום אופן דערויף נישט איינגעגאַנגען, נאָר געוואָלט אים מאַכן פאַר אַ רב. מען האָט זי נישט געקענט איבעררעדן און דעריבער אים אַריינגעגעבן צו דעם בעסטן און שטאָט גמרא־מלמד מיטן נאָמען חיים, אָבער גערופן האָט מען אים חיים גענדזל.

ווייסבערג באַשרייבט פיל און גענוי דאָס גמרה־חדר, דעם רבי און די רביצין חנה־טשיפּע מיט פיר קליינע קינדער. זיי זענען געווען אָרעמעלייט און אַלע זיבן פּאַלעס, געלעבט אין ענגשאַפט און שמוץ, און שווער געהאָרעוועט אויף זייער חיונה. חיים גענדזל איז געווען אַ מוראדיקער כעסן און שרעקלעך געשלאָגן די תלמידים מכות־רצח. דעם גרעסטן צאָרן האָט ער אויסגעגאָסן אויף שמואלן, ווייל ער איז געווען אַ קונדס, אַ גרויסער שטיפער און קאַליע גע־מאַכט אַלע קינדער, חברים אין חדר. דער מלמד האָט דעריבער זיך געבעטן ביי זיין פאָטער, ער זאָל געדענקען אין גאָט און צונעמען זיין תכשיט פון חדר; אָבער דער טאַטע איז נישט באַשטאַנען, נאָר אים נאָך באַשטראָפט. ער האָט דערפאַר אין גאַנצן פאַרלוירן דעם חשק צום לערנען.

דאָ איז געשען אַ טראַגי־קאָמעדיע. ווען דער גמרא־מלמד האָט שרעקלעך געקניפּט און געריסן דאָס לייב פון די תלמידים איז שמואל געפאַלן איין מאָל אויף אַ המצאה. ער האָט געקויפט אַ פריש ברייטל און זיך דאָס אונטערגע־לייגט. ווען אין אָוונט ביים לערנער „שור שנגח את הפרה" האָט ער נישט געקענט דעם שיעור, האָט זיך חיים גענדזל אויף אים געוואָרפן. די תלמידים האָבן, לויט ווי ער האָט זיך מיט זיי פריער אָפּגערעדט, אויסגעלאָשן די ליכט. דער רבי האָט אים אין דער פינצטער שטאַרק געקניפּט און אפילו אויסגעריסן אַ שטיק פלייש . . .

די גאַנצע שטאָט האָט שפּעטער דערמיט געקלונגען און אַלע האָבן געלאַכט. זיינע עלטערן אויך. אפילו דער זיידע אָרן ווייסבערג האָט זיך שטאַרק צעלאַכט ווען ער האָט געהערט וועגן דעם שטיק ברויט, וואָס דער גמרא־מלמד האָט אַרויסגעריסן אָנשטאָט פלייש פון זיין אייניקל דעם שטאָט־שטיפער. אַזוי אַרום איז געוואָרן אויס מיטן חדר און דער אויטאָר שרייבט:

„עס האָט לאַנג נישט געדויערט און מען האָט מיך מלביש־ערומים געווען — אָנגעטאָן אין קורצע קליידער און אַריינגעשיקט אין שקאָלע".

* * *

אין „שקאָלע" האָבן שוין אַלע געוואוסט וועגן דער מעשה מיטן ברייטל און דאָס שפּיצל, וואָס דער העלד שמואל האָט אָפּגעטאָן זיין רבין אין חדר. ווייסבערג שרייבט אַזוי וועגן דעם קבלת־פּנים, וואָס מען האָט אים דאָרט געמאַכט:

„ווען איך בין אַריין דעם ערשטן טאָג אין שקאָלע האָט מיך דער לערער באַלד באַגריסט מיט דער פראַגע — שמואלעק ווי פיל ברייטלעך האָסט דו דיר מיטגעבראַכט אין דער שקאָלע אַריין, טי שעלמאָ, טי?"

אָבער דער לערער, די שול־חברים, די קלאַס און אַפילו דאָס מעבל זענען אים שטאַרק געפעלן און ער האָט אַלץ און אַלעמען ליב געהאַט. ער האָט געלערנט מיט קאָפּ, שרייבט ער, האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן פאָרשריט און דער לערער האָט אים זייער גערן געהאַט פאַר זיין פליי־סיקייט. אַז מען האָט אים שקאָלע געדאַרפט זינגען אָדער אויפטרעטן האָט אים דער לערער גענומען אויפן ערשטן פּלאַן, ווי ער דריקט זיך אויס בוכשטעבלעך: „איך בין געווען אַ „נאַפּיערפּיעוואַלניק", ווייל איך האָב געהאַט אַ שיינע און שטאַרקע סאָפּראַן־שטימע".

געטראַכט און פאַרשידענע מחשבות זענען אים געקומען אויפן גדאַנק. אָט שרייבט ער:

„אין מיין קאָפּ האָבן זיך מיר געמישט פאַרשידענע געדאַנקען, שרעקלעכע בילדער האָבן זיך מיר פאָרגע־שטעלט. איך ליג און טראַכט און רעד ווי צו זיך אַליין: אָט האָב איך אָפּגעלעבט 72 יאָר אין דער שטורמישער וועלט. געהאַנדלט, געלאָפן, געפאָרן אין אַלע וועלט־טיילן אין אייראָפּע, אַמעריקע, אַזיע, אַפריקע און אויסטראַליע.

— — —

„אומעטום האָב איך אַליין געבויט און געהאָלפן בויען כל־ערליי אַנשטאַלטן, 50 יאָר האָב איך מיטגעאַרבעט אויף דער יידישער בינע, געווען אַ פּיאָנער פון דעם יידישן טע־אַטער, געשפילט טעאַטער אין דער גאַנצער וועלט. געווען אַ דירעקטאָר פון פיל קאָמפּאַניעס, אָנגעשריבן אייניקע פּיעסן און ווער ווייסט דערפון, אָדער ווער וועט וויסן דער־וועגן? פאַר וואָס האָב איך נישט איבערגעלאָזט קיין סימן אויף דער וועלט פון מיינע טעטיקייטן, אָדער ווער בין איך דאָס אַזוינס געווען? ווער וועט מיך געדענקען און צי וועט מען אַ מאָל מיין נאָמען דערמאָנען? איך האָב דאָך קיינעם נישט. מיין פרוי איז אַלט און קיין קינדער האָבן מיר נישט. איז וואו וועט דאָס אַלץ אַהינקומען?

„אָט אַזעלכע געדאַנקען האָבן זיך מיר געמישט אין מיין מוח. איך ליג און טראַכט. דאָ איז מיר פּלוצלונג אַריין אַ געדאַנק אין מיין קאָפּ — זלמן זילבערצוויג, יאָ זלמן זילבערצוויג. ער האָט מיך געבעטן דורך בריוו אייניקע מאָל אין יאָר 1930, אַז איך זאָל אים שרייבן און צושיקן מיין לעבנס־ביאָגראַפיע און הויפּטזעכלעך מיינע טעטיקייטן ביי דער יידישער בינע, ווייל ער וויל דאָס באַ־שרייבן אין זיין יידישן טעאַטער-לעקסיקאָן. איך האָב אים נישט געענטפערט.” — — —

„ווען פיל פריינד דאָ אין מעלבורן האָבן מיך שוין יאָ באַוואויגן, אַז איך זאָל אַמווייניקסטן עפּעס שרייבן, האָב איך דעם הער זילבערצוויג נאָר געשריבן וועגן גע-בורט פון דעם יידישן טעאַטער אין אויסטראַליע, אָבער נישט איין וואָרט וועגן מיין פאַרגאַנגענעם לעבן.”

שמואל ווייסבערג האָט באַשלאָסן, אַז אויב עס וועט געשען אַ „נס” און ער וועט ווידער קענען זען, האָט ער בדעה אָנצושרייבן זיין אויטאָביאָגראַפיע, כדי אַלץ פון זיין לעבן זאָל נישט גיין לאיבוד. ער איז טאַקע על־פּי נס ניצול געוואָרן. אַזוי שרייבט ער דערוועגן:

„דער דאָקטער האָט מיך איין מאָל באַזוכט און געזאָגט, אַז די אָפּעראַציע מיינע איז זייער געלונגען און ער האָפט, אַז איך וועל אויף מיינע אויגן געזונט ווערן און וועל ווידער קענען זען. ווען ער איז אַוועק בין איך געבליבן ליגן ווי אַ צעמישטער. איך האָב געוואָלט וויינען פאַר פרייד, אַז איך וועל ווידער צוריק האָבן דאָס ליכט פון מיינע אויגן. איך וועל זען, איך וועל זען. אַ נייע נשמה האָט דער דאָק־טער מיר געגעבן, ער האָט מיר געגעבן האָפענונג צו אַ נייעם לעבן. מיין פרייד איז געווען אומבאַשרייבלעך, קיין מענטש קען דאָס נישט באַגרייפן. נאָר דער וואָס מאַכט דאָס אַליין מיט און פילט אַזוי ווי איך, אַז איך וועל ווידער זען.” — — —

„דעמאָלט האָב איך באַשלאָסן און געגעבן אַ נדר, אַז ווען איך וועל אַרויס פון שפּיטאָל און וועל ווידער קענען זען מיט מיינע אויגן, זאָל איך אָנשרייבן מיין אויטאָביאָ־גראַפיע און איבערלאָזן אַן אמתע מצבה אויף דער וועלט. נאָך דריי וואָכן בין איך אַרויס פון שפּיטאָל און האָב דאָס ליכט פון מיינע אויגן צוריקגעקריגן. אַ יאָר איז שוין פאַרלאָפן און איך טראָג מיך נאָך אַלץ אַרום מיט דעם געדאַנק. ענדלעך איז די צייט געקומען און איך שרייב די ביאָגראַפיע פון מיין לעבן.”

מיט דעם פאַרענדיקט זיך דער אַריינפיר פון דעם כתב־יד.

* * *

אין דעם ערשטן טייל „ווער בין איך?” דערציילט שמואל ווייסבערג, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין פּיעט־ריקאָוו טריבונאַלסקי, פוילן, דעם 1־טן מאַי 1863. זיינע עלטערן זענען געווען סוחרים און געהאַט אַ געוועלב מיט אַ פּראָוויאַנט־סקלאַד.

דער פאָטער זיינער איז געווען אַ פרומער מתנגד און אַן אָנגעזעענער בעל־הבית אין שטאָט. „געמישט זיך אין קהל'שע געשעפטן, געווען גבאי אין חברה „ביקור־חולים” און גבאי פון דער חברה־קדישא. טייל מאָל ליב געהאַט צו כאַפּן זיך צום ברעטל (דאַווענען פאַרן עמוד) און אַריינכאַפּן אַ מוספל אין אַ יום־טוב אָדער אין אַ שבת־מברכים”.

די מוטער האָט געשטאַמט פון אַ חסידישער משפחה, געווען די טאָכטער פון סילווער רב, הרב דוד זעליק זצ״ל און צו דער חתונה איז זי שוין געווען אַ יתומה פון פאָטער. ווייסבערג שרייבט: אַזוי פאַרשטייט איר מיך בין איך אַרויסגעקומען פון אַ געמישטער ראַסע — האַלב חסיד און האַלב מתנגד”. ער שרייבט ווייטער, „מיין מאַמע האָט זיך געטויגט צו געשעפט. זי איז געווען אַן אמתע אשת־חיל, אַ גוטע באַלעבאָסטע. דער מאַן איז ביי איר געווען דער קעניג און די קינדער די פרינצן. זי איז געווען די גוטסקייט אַליין”.

די פאַמיליע איז באַשטאַנען פון 5 קינדער: 3 יינגלעך (מיכאַל, עלטער פון מחבר מיט 2 יאָר, און יוסף — יונגער מיט 2 יאָר) און צוויי מיידלעך — מאַשע און אײדל. „די געשעפטן זענען געגאַנגען זייער גוט, און די פאַמיליע האָט געלעבט גליקלעך און צופרידן”.

זיידע־באָבע מצד זיין פאָטער, אָרן און שפרה ווייס־בערג זענען געווען פאַרמעגלעכע מענטשן און געהאַט פיל הייזער. ער שרייבט:

„דער זיידע איז געווען אַ קלוגער מענטש, געערט און געשעצט ביי קריסטן און ביי יידן. ער האָט געהאַט אַ גאָלדענעם מעדאַל פון דער רוסישער מלוכה פאַר זיין טע־טיקייט אין בויען קאַזאַרמעס פאַרן רוסישן מיליטער נאָך דער פוילישער פאָוסטאַניע. ער איז געווען ערשטער דאָזאָר אין שול פאַר לאַנגע יאָרן ביז ער איז געשטאָרבן.” . . .

ישעיה טאַוב

שמואל ווייסבערג — דער זיידע פון יידישן טעאַטער אין אויסטראַליע

(זיין אויטאָביאָגראַפיע פון די פריסטע יאָרן)

מיט קנאַפּע זיבעציק יאָר צוריק איז אָנגעקומען פון לאָנדאָן קיין מעלבורן אַ יידישער פּראָפעסיאָנעלער אַר־טיסט און טעאַטער־אונטערנעמער, וואָס האָט שוין געהאַט אַרומגעוואַנדערט אַ שטיק וועלט מיט יידיש טעאַטער. זיין נאָמען איז געווען שמואל ווייסבערג. ער איז געקומען גרינדן אַ סטאַביל יידיש טעאַטער אין אויסטראַליע.

גענויער וועגן אַהערקומען אין אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט פון דעם דאָזיקן יידישן טעאַטער־„שטערן", זיינע ערשטע טריט און מעשים נאָכן אַראָפּשטייגן פון דער שיף, דאָס שאַפן אַ קאָמיטעט פון „עמך"־יידן און באַלד דערנאָך אַ קלוב מיט עטלעכע הונדערט מיטגלידער און זיין אויפפירן דעם 12־טן פעברואַר 1909 אין דעם „טעמ־פּערענס־האָל" די ערשטע, היסטאָרישע יידישע פאָרשטע־לונג אין מעלבורן, די אָפּערעטע „גבריאל", אָדער ווי זי איז באַקאַנט אונטערן מער פּאָפּולערן נאָמען „כינקע־פּינקע", דאָס אַלץ געפינט זיך אין ערשטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך פון 1937. דאָרט האָט שמואל ווייסבערג פאַר־עפנטלעכט אַן אַרטיקל א"נ „יידיש טעאַטער זוכט נייע וועלט־טיילן...", זכרונות־בלעטער פון אַ פּיאָנער פון יידישן טעאַטער אין אויסטראַליע.

אין צווייטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך אַרויסגע־געבן דורך דער „קדימה" אין 1942 געפינט זיך אַ וויכטי־קער און וואָגיקער עסיי פון חיים ראָזנשטיין „יידיש טעאַ־טער אין אויסטראַליע". אין נאָר אַ קליינעם טייל פון דער דאָזיקער אַרבעט שרייבט דער מחבר וועגן ש. ווייסבערגס אונטערנעמערישקייט אויפן טעאַטער־געביט אין אויסטראַ־ליע און וועגן זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער אַנטוויק־לונג דאָ פון דער טעאַטער־קונסט אין יידיש, וואָס האָט במילא שטאַרק באַאיינפלוסט די מאָדערנע יידישע קולטור.

ליידער איז שמואל ווייסבערג געווען טעטיק אויף דער סצענע נאָר אַרום 7 יאָר — פון 1908 ביז 1915. דערנאָך האָט ער אין גאַנצן אויפגעגעבן זיין טעאַטער־טעטיקייט. אין קיין אַנדערע שטעט אויסער מעלבורן האָט ער אויף דעם קאָנטינענט נישט געשפּילט. און חיים ראָזנ־שטיין פירט אויס:

„שמואַל ווייסבערג איז היינט (געשריבן אין נאָוועמ־בער 1941 — י.ט.) דער זיידע פון יידישן טעאַטער אין אויסטראַליע און מיט רעכט ווערט ער אויך אַזוי גערופן. ווייסבערגס טעאַטער־טעטיקייט דאָ איז זיכער געווען דער שטויס אָנצוהויבן אַן אַרבעט אויך אויף אַלע אַנדערע יידישע קולטור־געביטן".

דאָס אויבן דערמאָנטע און אַ קליינע נאָטיץ פון עטלע־כע שורות אין טעאַטער־לעקסיקאָן פון זלמן זילבערצווייג, מיט טעותים, אַז „סעם(?) ווייסבערג איז געבוירן געוואָרן אין 1870(?) אין וואַרשע און פלעגט פירן טרופּעס אין נייע לענדער און שטעט" — איז בסך־הכל אַלץ וואָס איז אונדז פאַרבליבן וועגן דעם יידישן טעאַטער־איניציאַטאָר אין אויסטראַליע — שמואל ווייסבערג.

עדי־ראיה, וועלכע זאָלן קענען געבן מער אינפאָרמאַ־ציע וועגן דעם אינטערעסאַנטן „זיידע פון היגן יידישן טעאַטער", קען מען היינט שוין נישט געפינען אויסער עט־לעכע קלענערע פּרטים פון אַ יידישן קולטור־טוער אין זיינע אַכציקער, אַז ער געדענקט אים, נאָך אין 1940 האָט ער געהאַט אַ פריזערײַ אין רעטדאַון־גאַס, קאַרלטאָן. מער נישט.

לויטן רעגיסטער פון דער חברה־קדישא איז שמואל ווייסבערג, 110 רעטדאָון־גאַס, קאַרלטאָן, געשטאָרבן אין עלטער פון 82 יאָר דעם 27־טן נאָוועמבער 1943 און איז אויך צו מאָרגנס צו קבורה געקומען אויפן פאַוקנער בית־עולם.

דעריבער האָב איך זיך זייער פאַראינטערעסירט, ווען איך האָב צופעליק אין מעלבורן געפונען אַן אַלטן פאַר־געלטן כתב־יד מיט טיילן פון אַן אויטענטישער ביאָגראַ־פיע, אָנגעשריבן 8 יאָר פאַרן טויט דורך שמואל ווייסבערגן אַליין. פאַראַן 22 באַשריבענע פולע זייטן, איינגעטיילטע אין די פאָלגנדיקע קאַפּיטלעך: פאָררעדע (הקדמה), ווער בין איך?, איך גיי אין שקאָלע, מען שפּילט טעאַטער. די שפּראַך און סטיל גאַנץ פשוטע און דער אינהאַלט זייער נאַאיוו, אָבער ווי מען קען משער זיין, אמת און אויפ־ריכטיק.

איך האָב באַשלאָסן, אויף ווי פיל עס וועט מיר גע־לונגען, אויסצושיילן פון די זכרונות דעם קערן און געבן אַ בילד פון די קינדער־ און יוגנט־יאָרן אין לעבן פון שמואל ווייסבערג.

* * *

דער מחבר שרייבט אין זיין הקדמה, אַז צו 73 יאָר איז ער אין מעלבורן שווער קראַנק געוואָרן אויף די אויגן מיט דער געפאַר צו פאַרלירן אין גאַנצן די ראיה. ער איז איבערגעקומען אַ שווערע אָפּעראַציע און איז דערנאָך גע־לעגן עטלעכע וואָכן אין שפּיטאָל מיט פאַרבונדענע אויגן, נישט זעענדיק די ליכטיקע שיין. ער האָט דעמאָלט פיל

ערד"; אַז מיט מײַנע אַרויסטריטן בין איך נישט קיין פֿרײַנד פֿונעם ראַטן־פֿאַרבאַנד, ווי עס לויטעט די קאָנסטיטוציע, נאָר אַז איך בין אַן אמתער שונא פֿון דער גרויסער רוסי־שער רעוואָלוציע. דער באַשולדיקער איז געווען א. פּערל. דער פֿאָרזיצער פֿון „פּראָצעס" איז געווען יוסף ווייט, וואָס מיט זײַן אויפֿפֿירונג איז ער אויך געווען אַ פּראָקוראָר. ווי איר זעט — אַ „מאָסקווער פּראָצעס" מיט אַלע פּיטשעווע־קעס... קליינע קייען, וואָס גרויסע שפּייען... דער אונטער־שייד איז נאָר געווען, וואָס דערווייל איז דער „פּראָצעס" פֿאָרגעקומען אין דעמאָקראַטישן אויסטראַליע... זיי האָבן פֿאָרגעשלאָגן מיך אויסצושליסן פֿון „געזערד" — טויט שטראָף...

פֿאַרשטייט זיך, אַז איך בין זיי נישט געבליבן שולדיק. איך האָב זיי צוריק געוואָרפֿן אין פּנים די עקלדיקע און ברודיקע באַשולדיקונגען, אַז די אמתע שעדיקער זענען זיי, און אַז מיט זייער טאַקטיק ווען זיי דערפֿירן דעם דעמאָקראַטישן ייִדיש־סאָציאַליסטישן קלוב צום אונטער־גאַנג. אויף צוויי פֿאַרזאַמלונגען האָט זיך געצויגן דער „פּראָצעס". ז. פּרעס איז געזעסן ביי דער זייט. אויף זײַן פּנים האָב איך באַמערקט זײַן עגמת־נפֿש. ער האָט אַפּע־לירט צו מיר, אַז איך זאָל בלויז אויסדריקן מײַן חרטה. אין זײַן נאַאיווקייט האָט ער געגלויבט, אַז איך וועל מסכּים זײַן, כּדי אַלץ זאָל בלײַבן בײַם אַלטן.

ווען דער באַשלוס איז געפֿאַלן, אַז מען שליסט מיך אויס, האָב איך פֿאַרלאָזט די פֿאַרזאַמלונג. דער באַשולדי־קער א. פּערל האָט מיך באַגלייט מיט דעם זאַץ: „דאָס איז דער אמתער סאָציאַל־פֿאַשיסט"... מיט מיר האָבן זיך סאָלידאַריזירט אַ גרויסע צאָל פֿרײַנד און האָבן אויך פֿאַר־לאָזן די פֿאַרזאַמלונג.

* * *

אין אַ שפּעטערדיקן קאַפּיטל וועל איך באַשרײַבן וואָס די אָוועקגעגאַנגענע פֿון „געזערד" האָבן ווײַטער געטאָן, אָבער איצט דאַרף דערציילט ווערן אַן עפּיזאָד וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר קאָמוניסטישער טאַקטיק.

מיט אונדזער אַוועקגיין האָט דער „געזערד" פֿאַר־לוירן אַ גרויסן טייל פֿון אַקטיווע קולטור־טוער. די אי־בערגעבליבענע האָבן אין אָנפֿאַנג געיובלט און געטאַנצט פֿאַר שמחה, אָבער שפּעטער האָבן זיי זיך אָנגעהויבן פֿילן איזאָלירט. אין אַ גאָר קורצער צײַט האָט דער „געזערד" אָנגעהויבן גיין באַרג אַראָפּ. זיי האָבן געזוכט אַ וועג פֿון „איבערבעטן", פֿון „רעקאָנסיליאַציע"...

צו מיר האָט זיך געוואָנדן איינער אַ סילווער, אין נאָמען פֿון „געזערד", ווען איך האָב פֿריער נישט גע־קענט. איך האָב אים געזען צום ערשטן מאָל. ער האָט נישט מיטגעמאַכט דעם דאָזיקן טראַגי־קאָמישן „מאָסקווער פּראָצעס". ער האָט אַפּעלירט צו מיר און מיך געבעטן, אַז איך זאָל צוריק קומען אין „געזערד". אויף דעם האָב איך געענטפֿערט, אַז פֿריער זאָל מען אָפּשאַפֿן דעם באַשלוס אויף וועלכן סמך מען האָט מיך אויסגעשלאָסן און שפּעטער וועל איך מיט זיי רעדן.

גערעדט און געטאָן. מיט דעם זעלבער אַנטשלאָסנ־קייט מיט וועלכער מען האָט מיך באַזייטיקט, האָט מען שפּעטער „איינשטימיק" די אַלע באַשולדיקונגען אַנולירט. מען האָט מיך „רעהאַביליטירט"! מיט טריאומף איז דער זעלבער סילווער געקומען צוריק צו מיר מיטן באַפֿרייאונגס אורטייל...

מײַן ענטפֿער איז געווען — מיט מענטשן וואָס קענען מיט אַזאַ לײַכטקייט ענדערן באַשלוסן, וויל איך קיין געזעל־שאַפֿטלעכע באַציאונגען נישט האָבן...

ס. בורשטין

אינטערעסאַנט צו וויסן...

(אויסצוגן פֿון רעפֿעראַט פֿון חיים לאַזאַר געהאַלטן אין „קדימה" דעם 12־טן מאַי ה"י)

אין ישׂראל געפֿינען זיך: 200 ייִדישע שרײַבער און זשורנאַליסטן; 300 העברעאישע. עס זענען דאָ פֿיר ייִדישע פֿאַרלאַגן: פּרץ־פֿאַרלאַג, די גאָלדענע קייט, מנורה, און ייִדיש בוך. דעם לעצטן יאָר זענען דערשינען 3,720 ביכער אין זעקס מיליאָן עקזעמפּלאַרן; 70 פּראָצענט זענען אין עבֿרית, 29 פּראָצענט אין ייִדיש און 1 פּראָצענט אין אַנ־דערע שפּראַכן (70 פּראָצענט פֿון זיי — איבערזעצונגען). 3,000 עפֿנטלעכע ביבליאָטעקן פֿאַרמאָגן אַרום 6־7 מיליאָן ביכער (אַ חוץ אין קיבוצים און אוניווערסיטעטן).

צײַטונגען: פֿאַר אַ באַפֿעלקערונג פֿון 3 מיליאָן דער־שײַנען 27 טאָג־צײַטונגען מיט אַ טיראַזש פֿון 1.5 עקזעמפּ., ד"ה יעדער ליינער קויפֿט 2 צײַטונגען; 800 פּעריאָדישע צײַטונגען און זשורנאַלן, 500 פֿון זיי אין עבֿרית און 300 אין 19 שפּראַכן. (לאָמיר דאָ אונטערשטרײַכן: פּאַפּיר אין ישׂראל ווערט אימפּאָרטירט פֿון אויסלאַנד). דאָס לאַנד פֿאַרמאָגט איבער 100 מוזעאומס און 47 אַרכעאָלאָגישע זאַמ־לונגען. דורכן יאָר האָבן 6 מיליאָן מענטשן זיי באַזוכט.

טעאַטערס: אַ חוץ דער „הבימה" און „קאַמעראַלי" זענען פֿאַראַן צענדליקער קלענערע טרופּעס. ייִדיש טעאַ־טער פֿאַרנעמט אַ וויכטיק אָרט.

אין ישׂראל זענען שעפֿעריש איבער 3000 מאָלער. אין יעדן הויז קאָן מען טרעפֿן אָריגינעלע בילדער פֿון ישׂראל־מאָלער.

אין 6,500 דערציאונגס־אַנשטאַלטן לערנען אַרום איין מיליאָן קינדער. 235 קיבוצים ווערן פֿאַרזאָרגט מיט קינאָ, טעאַטער און אַנדערע פֿאַרווײַלונגען. די קיבוצים זענען דער אַקטיווסטער עלעמענט אין לאַנד, סײַ אויפֿן פּאָליטישן סײַ אויפֿן מיליטערישן און עקאָנאָמישן געביט. די איינציקע יוגנט גרופּע וואָס ווײַזט אַרויס אינטערעס פֿאַר פּאָליטיק — איז די קיבוצישע.

פֿאַר דער אויטענטישקייט פֿון די ציפֿערן איז די רעדאַקציע נישט פֿאַראַנטוואָרטלעך.

כע יסודות דער קלוב ווערט געגרינדעט. אַז מיר שטייען אויפן שטאַנדפונקט פון יידיש־וועלטלעכקייט; אַז מיר פירן אַ יידיש־סאָציאַליסטישע קולטור־טעטיקייט דורך רעפעראַטן, לעקציעס, געדרוקטע אויסגאַבן, מוזיקאַליש־דראַמאַטישע אָוונטן, פאַמיליע־צוזאַמענטרעפן, פאַרווײַלונגען, ווי אויך פראָפּאַגאַנדירן פריינטשאַפט צום ראַטן־פאַרבאַנד. דער נייער קלוב האָט געטראָגן דעם נאָמען — „דער אויסטראַליער געזערד״.

דער נייער קלוב האָט זיך זייער שנעל פאַנאַנדערגעוואַקסן. יעדעס מאָל זענען צוגעקומען צענדליקער פרישע מיטגלידער. עמיגראַנטן, וועלכע זענען שוין פון פריער געווען אין לאַנד, אָבער מ׳האָט זיי קיין מאָל נישט געזען, האָבן זיך איצט באַוויזן אין דעם נייעם קלוב. זיי האָבן איצט געפונען אַ נייע, פרישע היים פאַר זיך. אונדזערע אונטערנעמונגען זענען שטענדיק געווען דערפאָלגרייך.

מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז די פריינד פון די יידישע שולן און דער פאַראיין „יידישע בינע״ האָבן נישט אויפגעגעבן זייערע קולטור־געזעלשאַפטלעכע שליחות. אָבער זייערע מיטגלידער האָבן זיך כמעט אַלע אָנגעשלאָסן אין דעם נייעם קלוב „דער אויסטראַליער געזערד״.

דער פאָטער פון דער באַוועגונג „פריינט פון ראַטן־פאַרבאַדן״ איז געווען ז. פרעס. ער איז געקומען קיין אויסטראַליע נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה מיט סימפאַטיעס פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמאָליקן רוסלאַנד. אין דעם נייעם לאַנד איז אים נישט אַזוי גוט געגאַנגען, קוים געמאַכט אַ לעבן, נישט אין פאַרגלייך ווי זיינע פריינד, די שיפס־ברידער. ער האָט געהאַנדלט מ׳יט ברילן, געמאַכט מענטשן זעענדיק... אַז עס זענען צו אים דערגאַנגען די ידיעות, וואָס דער נייער ראַטן־רעזשים טוט פאַר די דעקלאַסירטע יידן, איז ביי אים געבוירן געוואָרן דער געדאַנק צוריק צו פאָרן קיין רוסלאַנד. אָבער כדי דאָרטן צו געפינען אַן אָפענע טיר און אויפגענומען ווערן נישט ווי אַ פשוטער עמיגראַנט, האָט ער געמוזט ברענגען מיט זיך אַזאַ מאַנדאַט, וואָס זאָל באַווייזן, אַז ער האָט געדינט ווי אַן איבערגעגעבענער פריינד דעם ראַטן־פאַרבאַנד.

האָט ער זיך פאַרבונדן מיטן „געזערד״ אין רוסלאַנד און פון דאָרטן האָט ער באַקומען אַ ים מיט ליטעראַטור — צייטונגען, בראָשורן, אַלבאָמען מיט בילדער וואָס שילדערן די גרויסע מעכאַניזירטע און עקאָנאָמישע רעוואָלוציע אַנטקעגן דעם אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד. ער האָט אָנגעהויבן ווערבירן פריינד פון נייעם רוסלאַנד. מען מוז צוגעבן, אַז אויף דעם געביט האָט ער פיל אויפגעטאָן. ער איז געווען דער פירער פון דער נייער גרופּע מיט וועלכער מיר, די פריינד פון „צישאָ״, האָבן געשאַפן דעם יידיש־סאָציאַליסטישן קלוב, „דער אויסטראַליער געזערד״.

נאָך אייניקע חדשים פון אינטענסיווער אַרבעט, אין סאַמע מיטן פון אויפבלי פון דעם נייעם קלוב, מעלדעט ז. פרעס, אַז ער פאַרלאָזט אויסטראַליע און גרייט זיך באַזעצן אין רוסלאַנד. מען האָט זיך חבריש און פריינדלעך מיט אים געזעגנט און געוואונטשן אים אַלעס גוטס אין זיין נייער היים. ס׳איז נישט אַדורך קיין צוויי חדשים און פרעס איז דאָ צוריק, אַ שטאַרק אַנטוישטער. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער וועט טרעפן דאָס נייע רוסלאַנד אַן אַנדערע, אַזאַ ווי ער האָט זי געזען אין זיין פאַנטאַזיע. אָדער אַזוי ווי ער האָט געזען אין די בילדער פון די אַלבאָמען געשיקטע פון רוסלאַנד. צום סוף האָט ער געפונען דעם זעלבן איזוואָשטשיק און זיין דאַר פערדל דרימלען אין ווינקל פון דער מאָסקווער באַן־סטאַציע. (דאָס איז געווען זיין ווערטלעכער אויסדרוק.)

* * *

ווי דערמאָנט, האָט דער נייער יידיש־סאָציאַליסטישער קלוב געפונען אַ וואַרעמען אָפקלאַנג אין יידישן מעלבורן. די אַרבעט איז געגאַנגען נאָרמאַל, אפילו אַרויסגעגעבן אַ געדרוקטן זשורנאַל „די געזערד טריבונע״, וואָס האָט געמאַכט אַ פיינעם איינדרוק.

אָבער נישט אַלע זענען געווען צופרידן. און אויפן ערשטן אָרט האָבן זיך אויסגעטיילט די יידישע קאָמוניסטן. זיי האָבן געוואָלט האָבן אַזאַ קלוב, וואָס זאָל גיין אויסשליסלעך אויף זייער ליניע, „די גענעראַל־ליניע״... זיי האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן אַן אָרגאַניזאַציע, וואו עס זאָל הערשן פרייהייט פון מיינונגען, וואו מען זאָל האָבן טאָלעראַנץ איינער צום צווייטן. האָבן זיי טאָקע געפירט אַ העפטיקן קאַמף קעגן דעם „אויסטראַליען געזערד״, אָבער דאָס האָט זיי נישט געהאָלפן. דער קלוב איז ווייטער געשטאַנען אויף זיינע אָנגעצייכנטע דעמאָקראַטישע פרינציפן.

אויב זיי האָבן נישט געקאָנט ענדערן דעם גאַנג פון דעם נייעם קלוב פון דרויסן, האָבן זיי אָנגעוואָנדן אַן אַנדערע טאַקטיק. זיי האָבן באַקומען אַן אינסטרוקציע פון דער קאָמוניסטישער אָנפירערשאַפט צו ווערן מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע און זייענדיק אינעווייניק, צו ענדערן די טעטיקייט פון דעם קלוב. די פירער פון דער נייער גרופע זענען געווען א. פערל און מ. טאָפּאָר.

ס׳איז לייכט זיך פאָרצושטעלן די נייע אַטמאָספער, וואָס האָט זיך געשאַפן אין „אויסטראַלישער געזערד״. אָנשטאָט דער אַמאָליקער טאָלעראַנץ און פריינדשאַפט, האָט מען איצט געקאָנט הערן די ווערטער „סאָציאַל־פאַשיזם״, „סאַבאָטאַזש״, „בונדישער פאַראַט״ א.ד.ג. די לופט איז געוואָרן הייס און שטיקנדיק.

איך פערזענלעך האָב פון דעם שטאַרק געליטן. געהאָלפן מיט מיינע באַשיידענע כוחות אויפבויען דעם קלוב, און איצט האָבן זיך אָנגערוקט שוואַרצע וואָלקנס. איך האָב אַלץ געטאָן, אַז עס זאָל נישט דערגיין צו אַ צוזאַמענברוך. די יידישע קאָמוניסטן האָבן געזען אין מיר אַז איך בין זיי ווי אַ ביין אין האַלדז; זיי דאַרפן מיך באַזייטיקן פון דעם „געזערד״.

האָט מען מאָביליזירט די „מאַסן״. מ׳האָט פאַרפירט קעגן מיר אַ „פראָצעס״ און מיך באַשולדיקט, אַז איך סאַבאָטיר און צעשטער און צעברעך די אַרבעט פון „געז־

סענדער בורשטין

דער אויסטראַליער „געזערד"*)

(זכרונות פון אַ מאָל)

די ביז איצט פאַרעפנטלעכע מעמואַרן קאַפּיטלעך וועלן נישט געדרוקט לויטן סדר, ווי זיי זענען געשריבן געוואָרן. זיי וועלן אַריינגיין אין אַ בוך־פאָרם, אויב אַזעלכעס וועט דערשײַנען... אַזוי איז אויך דאָס איצטיקע קאַפּיטל אַ פאָר־זעצונג פון אַ פריערדיקן, אין וועלכן איך דערצייל וועגן דער טעטיקייט פון די פריינד פון די יידישע שולן אין פוילן, „צישאָ".

— ס. ב.

דאָס זאַמלען געלט פאַר די יידישע שולן אין פוילן האָט געגעבן די פריינד פון „צישאָ" אַ מעגלעכקייט קול־טורעל־געזעלשאַפטלעך זיך צו דערנענטערן. מיט אָפטע פריינדלעכע, קליינע מסיבות, אויסגעפילט מיט אַ קולטור־כאַראַקטער, פלעגט מען זיך טרעפן אַלע מאָל אין אַ צווייטנס היים. דאָך האָבן מיר זיך נישט געפילט באַפרי־דיקט, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט קיין אייגן ווינקעלע. די סיבה, אַ גאָר פשוטע — מיר זענען געווען קליין אין צאָל, האָבן מיר נאָר געקאָנט חלומען וועגן דעם. אויך ביי אַנדערע קרייזן און צוליב אַנדערע סיבות האָט זיך געפילט די זעלבע נויטווענדיקייט.

אין יענער צייט, סוף צוואַנציקער און אָנהויב דרייסי־קער יאָרן, איז איבער דער יידישער וועלט אָנגעגאַנגען אַ באַוועגונג צו העלפן די רוסישע יידן. די רוסישע רעוואָלו־ציע פון מערץ 1917 האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע איבער־קערעניש אינעם לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד. די טיפע סאָציאַלע און פּאָליטישע ענדערונ־גען אין לאַנד האָבן צעשטערט דאָס עקאָנאָמישע און סאָציאַלע לעבן פון די יידישע מאַסן. פיל יידן זענען גע־וואָרן דעקלאַסירט. כדי זיי צו רעהאַביליטירן, האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד אויסגעטיילט גרויסע שטחים באָדן אין ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע, קרים און צום סוף ביראָבידזשאַן פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע, וואָס איז אין מאַי 1934 אָפי־ציעל דעקרעטירט און פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך דער ראַטן־מאַכט פאַר „אַ יידישן אויטאָנאָמען ראַיאָן".

די פּאָליטיק פון דער ראַטן־רעגירונג האָט אַרויסגע־רופן גרויסע סימפּאַטיעס ביי יידן אין דער וועלט. אויך אויסטראַליע האָט נישט אויסגעמיטן די דאָזיקע שטימונ־גען. פאַרשטייט זיך, אַז צו די דאָזיקע שטימונגען האָט אין אַ גרויסער מאָס צוגעהאָלפן די גרויסע פּראָפּאַגאַנדע פון דער ראַטן־מאַכט מיט אַ פאַרפלייצונג פון אַ באַשטימטער ליטעראַטור. בראָשורן, אַלבאָמען מיט בילדער וועגן די גרויסע גליקן פון דער סאָציאַלער איבערשיכטונג פון די יידישע מאַסן אין רוסלאַנד. די שטימונג איז דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה, אַז איינגעאָרדנטע און פאַרוואָרצלטע פאַ־מיליעס זענען געווען גרייט צו ליקווידירן זייערע היימען אין אויסטראַליע און פאָרן קיין רוסלאַנד. פיל פון זיי האָבן טאַקע דאָס געטאָן, און אָבער גלייך געקומען צוריק...

מיר בונדיסטן זענען געווען גאַנץ קאַלט צו די דאָ־זיקע שטימונגען און מיט אַ ניכטער אויג געקוקט אויף דעם. די בירא־בידזשאַנער ענטוזיאַסטן האָבן געוואָלט אונדז איבערצייגן מיטן אַרגומענט, אַז ס'איז אַ גוטער מיטל אין קאַמף קעגן ציוניזם. בירא־בידזשאַן ווערסוס ארץ־ישראל. מיר האָבן געקאָנט צווייפלען אין דעם. פאַר וואָס האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד דווקא אויסגעטיילט בירא־בידזשאַן פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע מיטן ציל צו שאַפן אַ „יידישן אוי־טאָנאָמען ראַיאָן" האַרט ביי דער כינעזישער גרענעץ און נישט ווייט פון די יאַפּאַנישע ברעגן? צי איז דאָס נישט פאַרבונדן מיט אנדערע גרויס־רוסישע פּאָליטיש־סטראַטע־גישע אינטערעסן?...

פון יענער צייט ביז היינט בעת מיר שרייבן די דאָזי־קע שורות, אַ צייט־אָפּשניט פון כמעט אַ האַלבן יאָר־הונ־דערט, האָבן מיר „עפּעס" געלערנט, וואָס ס'איז אַרויסגע־קומען פון די אַלע צוזאָגן און האָפענונגען נישט בלויז יידישע, נאָר אויך אַלוועלטלעכע. וויפל אַנטוישונגען און מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס מ'האָט באַצאָלט אויפן מזבח פון דעם גרויסן באָלשעוויסטיש־קאָמוניסטישן פּאַראַט און ליגן. אָבער דעמאָלט האָבן מיר געגלויבט, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד, אין איינקלאַנג מיט די פּראָקלאַמירטע סאָציאַלע צוזאָגן, איז ווירקלעך פאַראינטערעסירט צו לייזן דאָס יידן־פּראָבלעם פון זיינע אייגענע בירגער אין די ראַמען פון דער גרויסער רוסישער מדינה.

די צוויי גרופּן, די ערשטע — די פריינד פון די יידיש־וועלטלעכע שולן, ווי אויך דער טעאַטער קרייז, „יידישע בינע"; די צווייטע — די פריינד פון ראַטן־פאַרבאַנד, האָבן זיך דערנענטערט. מען איז געקומען צו אַ פאַרשטענדיקונג צו גרינדן אַ יידיש־סאָציאַליסטישן קלוב כדי צו האָבן אַן אייגן ווינקעלע. אוודאי האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן אַן אַבסאָלוטן געאייניקטן פּראָגראַם, וואָס זאָל בינדן אַלע מיטגלידער. אָבער ביי אַ קעגנזייטי־קער טאָלעראַנץ און דרך־אַרץ פאַר יענעמס מיינונגען איז מעגלעך אַזאַ קלוב זאָל קענען עקזיסטירן.

האָבנדיק אין זינען די אויבן דערמאָנטע געפילן, האָבן מיר אויסגעאַרבעט אַ קאָנסטיטוציע מיט כללים אויף וועל־

---

*) געזעלשאַפט צו באַזעצן יידן אויף ערד.

צוויי לידער

י. מ. לעווין

צווייפלען

פאַרוואָס?
פאַרוואָס אַזוי?
פאַרוואָס ווערט שוואַרץ
וואָס געווען איז פריער בלוי?
און עס מישט זיך גרוי מיט גרוי
מיט דעם גאַנצן אָט אַזוי,
ווי דער גאַנג פון רגעס
וואָלט נישט עכט זיין,
נאָר כמוי . . .
עס לאַכט איבער זיך אַליין
דער קרומער שמייכל:
— היי! . . .
ווייסט דען נישט אַליין,
אַז דאָס רגעדיקע זיין —
ווי לאַנג און גרויס עס זאָל נישט זיין —
איז כמעט
אָן שום שכל,
סתם אָן אָט אַזוי . . .

מיט יידן, וואָס האָבן געלעבט מיט דעם פּאַטאָס פון בטחון, אַ בטחון וואָס איז אין רעאַליסטישע טערמינען געווען כמעט האָפענונגסלאָז. דאָך איז געווען פרייד און טיפע מענטשלעכקייט און אמונה, וואָס האָט באַלויכטן די וועגן און אומוועגן פונעם יידישן גאַנג איבער דער וועלט.

* * *

אין זיין ווידמונג, קורץ פאַר זיין פריצייטיקן טויט, האָט שלום־עליכם געשריבן:

„אפשר וועט איר, אָדער אייערע קינדער, דערפון עפּעס לערנען, ווי אַזוי ליב צו האָבן אונדזער פאָלק און צו שעצן זיינע גייסטיקע אוצרות, וואָס ליגן צעוואָרפן אין אַלע פינצטערע ווינקעלעך פון אונדזער גרויסן גלות אויף דער גרויסער וועלט. דאָס וועט זיין דער בעסטער לוין פאַר מיינע העכער דרייסיק יאָר געטרייע אַרבעט אויפן פעלד פון אונדזער מאַמע־לשון און אונדזער ליטעראַטור״.

ווען מיר צו דעם צוגעבן, אַז ס׳איז נישטאָ נאָך אַזאַ שרייבער ווי שלום־עליכם, וועמען עס איז געלונגען אַזוי טיף אַריינצודרינגען אין דער יידישער פאָלקס־נשמה און געבן אַן אויסדרוק דעם היסטאָרישן ייד און די יידישע פערזענלעכקייט. די טיפע ליבשאַפט פאַר זיין פאָלק האָט אים דיקטירט איבערצושרייבן מענדעלעס בייסיקער סאַטירע (אויפן יידישן לעבן) — אויף יידישער גוטסקייט, אויף דעם לשון פון הומאָר און רחמים פאַר דער אָרעמקייט פון קאַבצאַנסק — פאַרן גאַנצן יידישן לעבן.

יצחק קאהאן

לידער צום פאַרנאַכטיקן אויפגאַנג

א.

דער טאָג שפּינט שוין זיין לעצטע שעה,
לאָדט אויס דעם טרוים וואָס נישט געוואָרן,
אַלץ פאַרענדיקט, גאָרנישט מער דאָ,
בלויז דער נאָכוויי פון פאַרשטומטן האָרן.

דער טרוים געוואַקסן איז אַ מילגרוים פול
מיט חזיונות שיר השירימדיקע,
אויף אַ וואָלקן אַ רעגנבויגנדיקע שטול
געוואַרט אויף דיר האָט אַ ציטערדיקע.

אויפגאַנג, פאַנגאַנג — צווילינג לידער,
טרוימען בלייכע — פאַרגייט שנעלער!
טאָג, דיין שאָטן שפּאַן אַריבער —
די נאַכט שפּינט טרוימען שענער, העלער.

ב.

פון וואַנען ס׳געזאַנג? דאָס זינגט די ערד,
דאָס גראָז, דער בוים, דאָס זינגט די נאַכט;
זי רופט: קום, קום! — דאָס וואָרט באַשווערט:
— גיב זיך איבער אין מיין מאַכט!

כ׳וועל אויסגלעטן שטערן־קנייטשן,
פון די אויגן זאָרג און אומרו,
אַ שעפּטש דיר טאָן: וואַרף די לייצן . . .
ס׳פּערד דיינס וואַרט אויף דיין טפּפררו . . .

דו און ס׳פערד אַלץ איינס די ווערט,
עס בענקט נאָך היי, דו בענקסט נאָך רו . . .
הער ווי ס׳זינגט ביינאַכט די ערד,
זי זינגט דאָס ליד פון שטילער רו.

מיר ווייסן פון דערפאַרונג, אַז קינסטלערישע ווערק מוזן פאַרלירן אין איבערזעצונג וואַליאָרן, ווער רעדט נאָך צו איבערזעצן שלום-עליכמען מיט זיינע ווערטלעך און פסו־קים, וואָס פאַרשפּיגלען די טראַגי־קאָמעדי׳ע פון זיינע העלדן? איז דעריבער זיין גרויסער דערפאָלג אין פרעמדע שפּראַכן אויך אַ פענאָמענאַלע דערשיינונג. עס לאָזט זיך בלויז דערקלערן מיט דעם ענטפער, וואָס אַ בראַזיליאַנער מאָלער (פאַרטינער) האָט געגעבן, ווען מען האָט אים גע־פרעגט, וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן קען ער, מ׳שטיינס געזאָגט, האָבן פון לייענען שעקספּירן אויף פּאָרטוגעזיש... — מיינע פריינט — האָט ער געענטפערט, שעקספּיר איז אין אי־בערזעצונג, ווי אַ מיליאָנער וואָס האָט פאַרלוירן אַ סך געלט, אָבער נאָך אַלץ פאַרבליבן אַן עושר גדול...

אגב איז שלום עליכם געווען דער ערשטער יידישער שרייבער, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ ליטעראַרישן קאָנטאַקט מיט די רוסישע גרויסע מייסטערס: טאָלסטאָי, טשעכאָוו, גאָרקי, קאָראָלענקאָ און אַנדערע שרייבערס מיט וועלכע ער האָט געפירט אַן אָפטע קאָרעספּאָנדענץ. עס איז באַ־וואוסט, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד זענען דערשינען צענדליקער מיליאָנען עקזעמפּליאַרן פון שלום־עליכמס ווערק, הגם נישט אַלע איבערזעצונגען דערמאָנען אַז שלום-עליכם איז געווען אַ יידישער גרויסער קינסטלער. דעריבער האָט גע־קענט געשען אַזאַ קוריאָז, וואָס פרוי שלום־עליכם האָט דערציילט פון אירס אַ באַגעגעניש מיט אַ סאָוועטישן אָפי־ציר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

זי איז צוריקגעפאָרן קיין אַמעריקע פון איר רייזע, וואָס זי האָט געמאַכט קיין רוסלאַנד. אין רוסישן וואַגאָן איז קעגן איר געזעסן אַ סאָוועטישער אָפיציר מיט אַ בוך אין האַנט, וועלכן ער האָט פלייסיק געלייענט און אַלע ווײַלע אַרויסגעשאָסן מיט אַ הויך געלעכטער. האָט עס איר פאַראינטריגירט און זי האָט אים געפרעגט, וואָס פאַר אַ בוך ער לייענט. „איך לייען — האָט ער איר געענטפערט — אַ בוך פון אַ נייעם סאָוועטישן שרייבער". „ווי איז דער נאָמען פון דעם שרייבער?" — האָט זי ווייטער געפרעגט. „ס׳איז עפּעס אַ נייער נאָמען, איך הער אים צום ערשטן מאָל; פון די קאָמסאָמאָלצעס מסתמא — זיין נאָמען איז שאַלאָם עליכם". ער האָט איר פאָרגעשטעלט דעם נייעם שרייבער פון די „קאָמסאָמאָלצעס", וועלכער באַשרייבט דאָס אַלטע יידישע לעבן און דאָס לייענען אים איז ממש אַן אַנטציקונג... (דניאל טשאַרני האָט באַשריבן אָט דעם עפּיזאָד.)

*   *   *

זעכציק יאָר נאָך זיין טויט, שטייט פאַר אונדז שלום עליכם אַ לעבעדיקער, ווי מיר זעען אים אויף דער פאָטאָ־גראַפיע מיט זיינע פענסנע גלעזער איבער זיינע אַלץ־זע־עודיקע אויגן. איבער זיין הויכן שטערן די טשופּרינע, וואָס גיט צו אַזאַ יונגקייט זיין אויסזען. און זיינע גוטמוטי־קע אויגן קוקן צו אונדז אַראָפּ פון זיין פּאָרטרעט מיט ליבשאַפט און גוטסקייט מיט וועלכע ער האָט פאַרזיסט די שווערע יאָרן פון אונדזער עקזיסטענץ. ווייפל מוט, טרייסט און אויסדויער האָבן זיינע ווערק אַריינגעבראַכט אין דעם עמק הבכא און טויט־לאַגער אָדער אין דער פאַרטיזאַנקע. דער טיפער הומאַניזם, וואָס שוועבט איבער זיין שאַפן איז דאָך באַגלייט מיט דעם פולשטענדיקן גלויבן אין דער אומ־באַזיגבאַרקייט פון מענטשלעכן גייסט, אויך אין די שווער־סטע און טראַגישסטע מאָמענטן פון לעבן...

אָט דער הויפּט־שטריך, וואָס גייט דורך אין זיינע ווערק, האָט אים געמאַכט פאַר דעם אוניווערסאַלסטן, טאַקע פאַר דעם אַלוועלטלעכן און אַלפעלקערלעכן שרייבער אין אַלע לשונות אין וועלכע ער איז דערשינען. (אויך אין אַזעלכע וועלט־טיילן, וואו יידן און יידיש לעבן איז כמעט אומבאַקאַנט.)

ווען דער באַדייטונג פון שלום־עליכם פאַר אונדזער יידישן לעבן קען מען ווידער זאָגן, אַז זיין שאַפן איז אַן עפּיק און אַ הימן פאַרן כוח פון יידישן פאָלק בייצוקומען די שווערסטע באַדינגונגען פון זיין עקזיסטענץ און ממשיך זיין נישט נאָר זיין נאַציאָנאַלן קיום. נאָר אויך זיין צושטיי־ער פאַרן מענטשלעכן גייסט. איך האָב אין פאַרשידענע עסייען זיך אָפּגעשטעלט אויף זיינע דריי הויפּט־העלדן — טביה, מנחם מענדל און מאָטל פּייסי דעם חזנס. וועל איך דאָ נאָר צוגעבן, אַז יעדער פון די דריי כאַראַקטערן פאַר־קערפּערט נישט נאָר אַן עלעמענט און אַן אַספּעקט פונעם היסטאָרישן ייד, נאָר אויך פון שלום־עליכמס קינסטלערי־שער פּערזענלעכקייט און זיין לעבנס־דערפאַרונג, ווי אַ טראַדיציאָנעלער איינגעוואָרצלטער יידישער טאַטע, וואָס מאַכט דורך אין זיין אייגענעם לעבן דעם גייסט און לעבנס־נוסח פון די דריי אַלטע יידישע ספרים — פון איוב, קהלת און שיר־השירים — מיט אַלע זייערע ניואַנסירנדיקע אויסקלאַנגען...

גערעכט איז יעקב גלאַטשטיין, אַז שלום־עליכם האָט מיט זיינע גרויסע געשטאַלטן און ווערק געטאָן דאָס זעלבע ווי דאָס יידישע פאָלק: ער האָט בעלעטריסטיש געגעבן זיין אייגענעם פירוש צום „על נהרות בבל". עס איז געווען די מאָראַלישע סטראַטעגיע פון אַ פאָלק, וועלכן מען האָט גע־שטיקט און געדריקט מיט גזרות און מיט פאַרפינצטער־נישן פון זיין לעבן, און טראָץ דעם האָט ער געבויט און אויפגעשטעלט אַ גרויסע יידישע וועלט און איבער דער פינצטערניש איז אויפגעגאַנגען אַ גרויס ליכט — אַ שוץ־מיטל דורך גייסטיקער דערהויבנקייט מבטל צו מאַכן דעם שונא.

היות דאָס פאָלק האָט נישט געהאַט קיין צייט און געדולד זיך אַליין אַרומצוקוקן ווי ער זעט אויס, האָט עס אים שלום־עליכם געוויזן דורך זיין הומאָריסטישן שפּיגל און געלייטערטן הומאָר מיט וועלכן ער האָט אַרומגענומען דאָס יידישע לעבן און דאָס איז משמעות דער סוד פון זיין אומשטערבלעכקייט.

שלום-עליכם האָט אויפגעבויט איז זיין שאַפן אַ גאַנץ פאָלק, אַ גאַנצע יידישע וועלט און אַ גאַנצן יידישן לשון און די אַלע דריי צונויפגעגאָסן אין אַ קינסטלערישער גאַנצקייט. זיין הומאָר איז אַ געשיכטלעכער פון אַ וועלט

חזרונגען. ער האָט דאָך אויסגעפּילט זיין יידיש לשון מיט חכמה און תמימות, גוטסקייטן און פריילעכקייטן, אפילו די קללות האָבן ביי אים אַ יידישן טעם! ער האָט געגאַרט צו שרייבן לייכט, אַזוי ווי דאָס פאָלק רעדט, ווען אים אַלע קענען פאַרשטיין און ער וועט ווערן דער לייכטסטער שרייבער. אָבער ווי שווער ער האָט געאַרבעט אויף זיין „לייכטן" לשון; וויפל מי האָט אים געקאָסט ביז ער האָט זיך אויסגעאַרבעט זיין זאַפטיקן רייד-נוסח, וועלכן ער האָט אַריינגעגעבן אין זיינע פיל-געשטאַלטיקע כאַראַקטעריזאַציעס און מאָנאָלאָגן.

מען מיינט אַזוי, אַז דער אומגעצוימטער רייד-שטראָם איז אים אָנגעקומען אַזוי לייכט, מחמת ער האָט אַליין געזאָגט, אַז „יידיש רעדט זיך אַליין". לייענט די זכרונות פון י. ד. בערקאָוויטש, וועט איר זען ווי אָנגעשטרענגט שלום עליכם איז געווען ביים אויספּורעמען זיינע מייסטערהאַפטע מאָנאָלאָגן, דערציילונגען און בריוו: „שרייבנדיק פלעגט ער צעבייסן די נעגל ביז בלוט. ער האָט דעריבער אָנגעטאָן הענטשקעס — פלעגט ער אויך צעבייסן די הענטשקעס".

ווי אַ גרויסער שפּראַך-ווירטואָז, האָט ער דעם לשון פון זיינע פאַרשוינען אַרכיטעקטאָניש קאָנסטרואירט, געריניקט, אויסגעפּוצט, איינשטעלנדיק אַ באַשטימטן סדר און אַ סינטאַקס, וואָס איז מער סטיליזירט, ווי דער וועלכן מען באַנוצט אין דעם טאָג-טעגלעכן רעדן. האָט דען דאָס פאָלק פונקט אַזוי גערעדט, ווי זיינע פאַרשוינען רעדן? יאָ, אָבער נאָר אין אַ באַשטימטער מאָס. וואָרעם ווי האָט די יידענע פון „טעפּל" און דער ייד פון „פּריזיוו" און אַזוי אַנדערע פון זיינע טיפּן, ווי האָבן זיי געהאַט אין לעבן אַזאַ רייכע צאָל ווערטער און ווערטלעך? אויב ער האָט אין לעבן יאָ געטראָפן אַזאַ ייד, ווי טביה, אָבער אַזוי רעדן, ווי עס רעדט טביה דער מילכיקער רעדט נאָר שלום-עליכמס טביה. דאָס זעלבע לאָזט זיך זאָגן וועגן די אַנדערע, וועמענס לשון ער האָט נישט גענומען פון „סטאָק", נאָר צוגעשניטן אינדיווידועל פאַר יעדן פאַרשוין, דער שפּראַכלעכער לבוש זאָל פּאַסן פאַר זיין געשטאַלט, און דערביי טאַקע רעדן אַזוי פּשוט ווי מענטשן רעדן.

שלום-עליכם האָט געלייגט אַכט אויף יעדן וואָרט! אפילו נאָכן אַוועקשיקן אין רעדאַקציע אַ דערציילונג. אויב נאָר אַ זאַץ אָדער אַן אויסדרוק פון דער פאַרבליבענער קאָפּיע איז אים נישט געפאָלן געוואָרן, פלעגט ער גלייך שרייבן אין דער רעדאַקציע, אפילו טעלעפאָנירן נישט צו פאַרשפּעטיקן צו מאַכן די ענדערונג פונעם זאַץ איידער עס דערשיינט. זיינע גוטע פריינד אין די רעדאַקציעס פלעגן גלייך דערפילן זיין פאַרלאַנג און נישט זשאַלעווען זייער אַרבעט ביים איבערמאַכן און איבערשטעלן די זאַצן. פאַרשטענדלעך אַז די דערציילונגען וועלכע ער האָט געדרוקט אין פאָרזעצונגען אין דער פּרעסע, פלעגט ער איבעראַרבעטן, קורצן, פאַרריכטן איידער עס איז דערשינען אין בוך-פאָרם. אַזוי, למשל, זענען די בריוו פון מנחם מענדל און שיינע שיינדל לגמרי אַנדערש, ווי זיי זענען געווען אין ציימונגס-פאָרם. ער האָט געענדערט די שפּראַך-קאָנסטרוקציע, די ווערטלעך, זיין לשון זאָל אַרויסקומען זאַפטיקער, פאַרביקער.

יידישער פאָלקלאָר איז געווען זיין ליבלונג. ער האָט געשטיצט די פאָלקלאָר-זאַמלער, אַליין זיך גוט איינגעהערט, ווי אַזוי דאָס פאָלק רעדט און תמיד געהאַט אונטער דער האַנט אַ ביכעלע צו פאַרשרייבן ווערטער און ווערטלעך. ער האָט גענומען אַ סך פון די פאָלקס-ווערטלעך, אָבער אויך פיל געשאַפן אייגענע, וועלכע זענען אַריין אין דער פאָלקס-שפּראַך. ער האָט פונעם פאָלקיש-אידיאָמאַטישן לשון מיט זיינע ווערטלעך און תנועות אויפגעבויט זיינע טיפּן, אַריינגעגעבן אין זיי קינסטלעריש בלוט און געלאָזט זיי אויסשפּילן אויף דער סצענע (פון זיינע מאָנאָלאָגן) זייערע לעבנס און צרות.

עס איז געשען ביי אים וואונדער איבער וואונדער! ער האָט פאַר זיינע פאַרשוינען — און אין דער יידישער ליטעראַטור — געעפנט דעם פאַרבאָרגענעם קוואַל פון הומאָר און אומגעצוימטן געלעכטער (וואָס איז ביז אים געווען פאַרזיגלט) און אים פאַרוואַנדלט אין זיין קינסטלערישן אינסטרומענט, פון וועלכן דער יידישער לייענער האָט זיך געלערנט צו דערפילן אין זיינס אַ דערציילונג — דעם דערציילער און דעם בוי-מייסטער — שלום-עליכם.

איך האָב שוין פריער דערמאָנט ווי דער שפּראַכלעכער בוי-מייסטער האָט געלייגט גרויס אַכט אויף יעדן געשריבענעם וואָרט. ער דערציילט וועגן דעם אין אַ בריוו צו זיין פריינד ראַווניצקי: „כאָטש איך שרייב בחיפזונדיק, דאָך פאָלג איך דעם זיידנס (מענדעלע) געבאָט: שלייפן, שלייפן, שלייפן! ווינציקער פון דריי מאָל איבערשרייבן ווערט ביי מיר אַ ווערק נישט אַרויסגעלאָזט פון דער פאַבריקע. אַ מאָל דערגייט דאָס איבערשרייבן ביז זעקס און זיבן מאָל... דערביי שפּילט ביי מיר דאָס פלעשעלע גומעראַביקע אַ גרויסע, גרויסע ראָלע! עס גייט ביי מיר געקלעפּט אַ לאַטע אויף אַ לאַטע און אויף דער נייער לאַטע אַ ניי קליין לאַטקעלע".

בערקאָוויטש דערציילט, אַז שלום-עליכם האָט געהאַט אַ טבע צוצודריקן די פּען צום רעכטן אויער — ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס אנגעהערט. ער פלעגט אָפט ביים שרייבן באַוועגן קלאַנגלאָז מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט אויסגעפּרוווט דעם ריטעם פון דעם וואָרט, וואָס ער גייט באַנוצן אין דעם דיאַלאָג פון זיינע פאַרשוינען. איז נישט קיין וואונדער זיין טענה צו אַ רעדאַקטאָר, וועלכן ער האָט געבעטן נישט צו ענדערן קיין וואָרט. ער גיט אים אַ ביישפּיל: „עס שטייט פאַרדינען אַ קערבל, גייט איר און מאַכט איבער „פאַרדינען אַ רובל" — אַזאַ יאָר אויף לעווין וואָס פאַר אַ טעם עס האָט!" די מייסטערשאַפט און אָריגינאַליטעט איז דאָך נישט געווען אין וואָס, נאָר אין ווי אַזוי ער דערציילט. און דער „ווי אַזוי" איז גאָר נישט געשטאַנען לעבן אים אין אַ ריי וואַרטנדיק ער זאָל אים באַנוצן...

* * *

שלום-עליכם איז היינט אַ וועלט-באַרימטער נאָמען דורך די איבערזעצונגען פון זיינע ווערק אין אַלע לשונות.

איין קללה נאָך דער אַנדערער, אָבער אין גוטן מוט. „גלאַט אַזוי זיך האָט מען דעם „ממזר״ געשאָלטן אין טאַטנס טאַטן אַריין״... דער יונגער שלום, האָט מיט זיין שאַרפן אויג דערזען, וואָס פאַר אַ היילנדיקע קראַפט הומאָר פאַרמאָגט אין זיך פאַרן צוהערער און לייענער. בלתי־ספק האָט עס אים באַאיינפלוסט אויסצונוצן זיין איינגעבוירענעם טאַלאַנט.

דער וויכטיקסטער ווענד־פונקט אין זיין שרייבן איז געווען שמעון דובנאָווס („קריטיקוס״) פּאָזיטיווע רעצענזיע וועגן זיין געראָטענער דערציילונג „דאָס מעסערל״. דאָס באַקומען סמיכה פון אַזאַ אויטאָריטעט האָט לויט זיינע אייגענע ווערטער אַרויסגערופן ממש „אַן איבערקערעניש אין מיין אַרט שרייבן און אויך אין דעם גאַנצן לעבן ביי מיר... איטלעכס מאָל ווען איך שרייב אַן אַ נייע זאַך, פאַרגעס איך נישט פרעגן ביי זיך אַליין, וואָס וועט דעראויף זאָגן „קריטיקוס״?...״

אָט די רעצענזיע האָט אַרויפגעלייגט אויף זיינע דאַן נאָך יונגע פּלייצעס שרייבערישע אחריות, געגעבן אים פליגל זיך אויפצוהייבן גלייך אין זיין קינסטלערישן בראַשית. עס איז פאַר אים קלאָר געוואָרן, אַז ער דאַרף נישט שרייבן פאַר יחידי סגולה — אין העברעאיש, נאָר „אויף דער שפּראַך וואָס דאָס פאָלק רעדט און פאַרשטייט״. דאָס איז טאַקע געווען זיין ענטפער אויף דער פּאָלעמיק, וואָס האָט אָנגעהויבן דער שרייבער א. ל. לעווינסקי (דער שפּעטער־באַוואוסטער פּעליעטאָניסט „רבי־קרוב״). ער איז אַרויסגעטראָטן מיט אַן האַרבע טענה קעגן שלום־עליכמען, וועלכער האָט אַנאָנסירט אין דער העברעאישער פּרעסע זיין אויסגאַבע די „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק״. לעווינסקי האָט דאַן זיך וועגן יידיש נישט אויסגעדריקט מיט אַזאַ העסלעכן עפּיטעט, ווי יוסף קלויזנער, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן עפענען אַ קאַטעדרע פאַר יידיש ביים ירושלימער אוניווערסיטעט. אַן אַמעריקאַנער ייד — דער רעדאַקטאָר פון „טאָג״ — האָט זיך מתחייב געווען מיט אַ סומע וואָס איז געווען קאָלאָסאַל אין יענער צייט. אָבער יוסף קלויזנער האָט דאַן אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש מיט אַן אויסגעשריי: „צלם בהיכל״! — וואָס גייט מען דאָ, רחמנא־ליצלן, אַריינפירן? ...

ווען מען באַטראַכט, פון אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, שלום־עליכם ענטפערט די קנאַישע העברעער, דאַכט זיך, אַז ער רעדט דאָס אויך היינט צו זיי (אין 1976), פאַרן גרויסן יידיש־צוזאַמענפאָר אין ירושלים. בערך מיט אַ 90 יאָר צוריק האָט שלום־עליכם, וואָס האָט אַליין געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו העברעאיש, געשריבן זיין אני מאמין וועגן דער גרויסקייט פון דער יידישער שפּראַך: „דורך איר ווערט אויסגעדריקט דאָס נאַציאָנאַלע געפיל, וואָס באַהערשט אונדז... יעדער קלאָר־דענקענדיקער מענטש וועט מוזן צוגעבן, אַז די אויפלעבונג פון זשאַרגאָן (אַזוי האָט מען דאָך דאַן באַצייכנט יידיש — י.ק.) איז אַ ריכטיקער באַווייז מכוח דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון אונדזער פאָלק... ביידע שפּראַכן זענען אַ נויטווענדיקייט פאַר אונדזער פאָלק און די אַנטוויקלונג פון ביידע ליטעראַטורן דאַרף באַגריסט ווערן פון יעדן ליבהאָבער פון אונדזער פאָלק.״ („המליץ״, 1889).

ווי צאַפּלדיק אַקטועל עס קלינגען פאַר אונדז שלום עליכמס ווערטער אָפּצוגעבן חשיבות דעם פאָלקס־לשון, ווי אַ לעבנס־נויטווענדיקייט פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג.

* * *

געטע האָט געהאַט געשריבן וועגן שעקספּירן, אַז זיין כוח ליגט נישט אַזוי אין דער דראַמאַטישקייט פון די העלדן, ווי אין זייער לשון. און דאָס וואָס שעקספּיר האָט, דורך שפּראַך, דערגרייכט אין זיינע דראַמעס, האָט ש״ע באַוויזן אין זיינע מאָנאָלאָגן, דערציילונגען, בריוו און שמועסן.

זייענדיק אַ געבוירענער שפּראַך־ווירטואָז האָט ער פאַרשטאַנען, אַז פאַר זיינע פאַרשוינען איז לשון דער וויכטיקסטער אינסטרומענט אויסצושפּילן די אינטימסטע טענער פון זייער געמיט און נשמה. דער שטאַרקער כוח פון זיין דערציילעריש לשון, וואָס שפּרודלט מיט אַזוי פיל לעבנס־חכמה אין יעדער געגעבענער סיטואַציע, באַוועגט זיך אויף דער דינאַמישער לעבנס־ליניע פון פיל יידישע דורות, רייך אין דערפאַרונגען.

שלום־עליכם האָט בעלעטריסטיש זיך אויפגעלייזט אין פאָלק, ווי דער העכסטער אויסדרוק פון פאָלקישער חכמה, הומאָר און שעפערישקייט. ער האָט זיך דערגרונטעוועט צו די טיפסטע טיפענישן פון דער „תוכיקער מאָראַל פון פאָלק ביי וועלכן געשיכטע האָט צוגענומען אַלע כלי־זין צו טאָן רשעות אויף אַ רגויסן מאַסשטאַב״ און קיין אין פאָלק אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע האָט דאָך נישט געהאַט אַזאַ דערפאַרונג, אַז אין זיין פאַרטריבנקייט, באַזיגטקייט און הילפלאָזיקייט, זאָל ער אַרויסווייזן אַזאַ בטחון אין זיין צוקונפט, אַ בטחון וואָס האָט מאַניפעסטירט זיין שטאָלץ, אויך אין דער אויפגעצוואונגען שפלות פון זיין לעבן...

אָט די פענאָמענאַלע אַספּעקטן פון דער יידישער פאָלקס־נשמה האָט שלום־עליכם גענומען פאַר זיין רוישטאָף אויפצושטעלן זיין ליטעראַרישן מאַסן־מאָנומענט פאַר די קומענדיקע יידישע דורות, זיי זאָלן וויסן ווער עס זענען געווען זייערע טאַטעס און זיידעס מיט זייער גאַנצער יידישקייט און זייער גאַנצער מענטשלעכקייט; זייערע מעשים־טובים, זייער ליבשאַפט צום קינד און צו אַ הויכער מאָראַל, וואָס איז פאַרשפּיגלט אין יידישן פאָלקס־לשון.

שלום־עליכמס לשון איז די פאָלקס־שפּראַך אין וועלכער ער איז טיף פאַרוואָרצלט. אַזוי אויך אין פאָלקס־ווערטל, ווי אין פאָלקס־הומאָר. (וואָס ווייסן דען די גויים — די יידישע גויים בתוכם — פון די חנען פון שלום־עליכמס לשון, וואָס לאָזט זיך נישט איבערזעצן אין קיין שום אַנדער שפּראַך?)

שלום־עליכם איז געווען דער מוזיקאַלישסטער פּאָעט פון יידיש לשון מיט זיינע באַחנטע אַקצענטן און איבער־

יצחק קאַהאַן

דער אומשטערבלעכער שלום-עליכם

60 יאָר נאָך שלום ראַבינאָוויטשעס טויט

שלום ראַבינאָוויטש, וועלכער האָט געשריבן אונטערן פּען־נאָמען שלום־עליכם, האָט דורכגעמאַכט אַ היפּשן פּעקל צרות. ער איז דורכגעגאַנגען אַ ריי קראַנקהייטן, פיזישע, עקאָנאָמישע און גייסטיקע קריזיסן, אָבער פאַר דער וועלט האָט ער זיך געוויזן מיט אַ לאַכעדיק פּנים און מיט אַ שפּרודלדיקן הומאָר, וואָס האָט אויסבאַהאַלטן פאַרן עולם זיינע פּערזענלעכע צרות – מחמת דאָס האָט דאָך דורכגעמאַכט נאָר דער ייד, וואָס האָט געהייסן שלום ראַבינאָוויטש און געשטאַמט פון פּעריעסלאַוו, פּאָלטאַווער גובערניע — אָבער נישט שלום־עליכם מיט זיינע פאַרשוינען פון כסרילעווקע, יעהופּעץ. ווייל נאָר טאַקע אין זיין קינסטלערישער טראַנספאָרמאַציע האָט ער געקענט שרייבן זיינע גרויסע ווערק, וואָס זענען געלייענט געוואָרן דורך אַלע קרייזן פון יידישן פאָלק און האָבן זייער מחבר באַרימט געמאַכט צווישן די אומות העולם.

מען האָט דורך די 60 יאָר אַזוי פיל געשריבן וועגן שלום־עליכמען, אָבער עס איז נאָך אַלץ נישטאָ קיין פולע מאָנאָגראַפיע פון זיין לעבן דורך די פאַרשידענע עטאַפּן, וואָס זאָלן קענען פאַרבינדן די אויסווירקונג פון זיינע לעבנס־פּעריאָדן אויף זיין שאַפן. זיין אויטאָביאָגראַפיש ווערק „פונעם יאַריד" איז דאָך פאַרבליבן אַ נישט פאַרענדיקט בוך, עס איז דעריבער וויניק באַקאַנט זיינע שרייבערישע לעריאָרן, ביז ער האָט דורכגעמאַכט די פּען־נאָמענאַלע טראַנספאָרמאַציע פון דעם שטערבלעכן שלום ראַבינאָוויטש אויף דעם אומשטערבלעכן שלום־עליכם.

מיר ווייסן, אַז ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אין רוסיש, אָפּגעדרוקט עטלעכע דערציילונגען און אויך לידער אין פּראָזע-סטיל. דער יונגער שלום האָט, מסתמא, דאַן געחלומט צו מאַכן אַ קאַריערע פון אַ רוסישן שרייבער, ווערן אַ נאָמען אין דער רוסישער ליטעראַטור. זיין געזונטער שרייבערישער חוש האָט אים אָבער איינגעראָמט אַ סוד אין אויער, אַז ס'איז נישט פאַר אים... האָט ער דעביוטירט אין העברעאיש מיט עטלעכע פעליעטאָנען און סקיצן, געשיקט קאָרעספּאָנדענציעס אין „הצפירה" און „המליץ". נישט אַלע זענען געוואָרן געדרוקט. די רעדאַקציעס פלעגן אַ מאָל פון זיין קאָרעספּאָנדענץ נאָר איבערגעבן עטלעכע שורות, מיט דער באַמערקונג: „ווי עס לאָזט אונדז וויסן דער ה' שלום ראַבינאָוויטש..."

צום גליק פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז ער אין די 1880־ער יאָרן איבערגעגאַנגען אויף יידיש און זיך צעבליט מיט זיין געניאַלן טאַלאַנט. די קנאים פון העברעאיש מיט דוד פרישמאַנען האָבן אים געוואָרנט, אַז זיין יידישער הומאָר וועט אים שרייבעריש פאַרשאַטן, האָט ער זיי נישט געפאָלגט, אי ווייל ער האָט דערשפּירט זיין טאַלאַנט און חוש פאַר זיין שפּרודלדיקן הומאָר און אויך מחמת ער האָט נאָך אין זיינע קינדער־יאָרן געזען און אָפּגעשאַצט דעם כוח פון הומאָר אפילו אויף פאַרהאָרעוועטע און דערוואַקסענע יידן מיט בערד.

אין זיין אויטאָ־ביאָגראַפישן ווערק („פונעם יאַריד") דערציילט ער, ווי אַזוי יידן, שוין טאַטעס און זיידעס, האָבן זיך געקאַטשעט ביי זיי אין שטוב פאַר געלעכטער, ווען זיין טאַטע האָט פאַר זיי פאָרגעלייענט אַ פריילעכע מעשה. זיי פלעגן זיך אַזוי אַנטציקט, אַז זיי האָבן גלייך אַוועקגעשיקט דעם מחבר זיין „האָנאָראַר", אַריינגעשאָסן אין אים

אַלץ געהאַלטן ביי זיין באַשלוס צו עמיגרירן, האָט מען באַשלאָסן צו רופן אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג. אויף דער טאָג־אָרדענונג זענען געשטאַנען צוויי פּונקטן: ווער פינאַנסירט דאָס אַרויספאָרן פון יידישע חברים אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער? און: די שרפה אין אַ קאָאָפּעראַטיוו. דער ערשטער פּונקט ווערט באַלויכטן פון חבר סמאָליאַר; ער זאָגט, אַז דאָס געלט מיט וועלכן דער „האַיאַס" פינאַנסירט די רייזע פונעם חבר און זיין פאַמיליע, שטאַמט פון וואַשינגטאָן, וואָס האָט נאָר איין ציל — דורך עמיגראַציע אַרויסצורייסן יידישע חברים פון לאַנד און פאַרניכטן דעם יידישן ישוב אין פּוילן. די דיסקוטאַנטן האָבן אונטערשטיצט די טעזן פון חבר סמאָליאַר.

דעם צווייטן פּונקט האָט רעפערירט יידל פלאַץ. ער רעדט וועגן שניידער־וואַרשטאַט וועלכער איז געוואָרן באַשעדיקט צוליב אַ קורץ־שלוס... דאָס איז געווען אַ פּראָוואָקאַטאָרישע רעדע צו וועלכע די דיסקוטאַנטן האָבן אפילו נישט געוואָלט נעמען קיין שטעלונג. צומאָרגנס נאָך דער פאַרזאַמלונג, האָט מיך גערופן דער חבר קאָנאַר און פאַרלאַנגט פון מיר דעם אויסלענדישן פאַספּאָרט... מ'דאַרף נאָך צוגעבן אַז קאָנאַר (פאַר דער מלחמה טוביה קאַן), איז געווען אַ באַאַמטער פון די „בעזפּיעקע", וועלכע האָט „באַדינט" דעם יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד אין פּוילן.

הערש סמאָליאַר האָט פאַרלאָזט פּוילן אין 1968. דעם רייזע־בילעט האָט וואַרשיינלעך פאַר אים באַצאָלט דער „האַיאַס", און איצט איז הערש סמאָליאַר אין ישראל, וואו ער איז ווידער טעטיק אין דער באַוועגונג וועלכע האָט צוגעזאָגט דער מענטשהייט „גליק" און געברענגט האָט זי, און זי ברענגט ווייטער — נאָר אומגליק.

ו. יאַבלאָנסקי

לירן אַלע ייִדן אין ספּעציעלע לאַגערן, אין דער געגנט פון ביאַליסטאָק.

נאָכן קומען פון גאָמולקאַן צוריק צו דער מאַכט אין אָקטאָבער 1956, הייבט זיך באַלד אָן דאָס באַזייטיקן ייִדן פון רעגירונגס און פּאַרטיי־אַמטן. דאָס הייסט: גאָמולקאַ פירט אַדורך די דעסטאַליניזאַציע. געוויסע הויכע ייִדישע באַאַמטע ווערן געשיקט אין די ייִדישע קאָאָפּעראַטיוון אי־בערצוקוואַליפיצירן זיך אַלס שניידער, שוסטער, שלאָסער. אין דער צייט האָט דער „דזשאָינט" באַקומען ביי דער גאָמולקאַ־רעגירונג דאָס רעכט ווידער צו אָרגאַניזירן הילף פאַר ייִדן. ס'ווערן געשאַפן פּראָפעסיאָנעלע שולן דורך דעם „אָרט", וואו ייִדישע מענער און פרויען לערנען זיך נייע פאַכן מיט דער אויסרעכענונג, אַז ייִדן זאָלן קאָנען עמיג־רירן באַזאָרגט מיט פאַכן.

די פירער פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד רופן צונויף פון גאַנצן לאַנד אַ באַראַטונג וועגן די פּערס־פּעקטיוון פון ייִדיש־לעבן אין פּוילן. אויף דער באַראַטונג האָבן די פאַרזאַמלטע אין דער ערשטער ריי געפאָדערט דאָס באַזייטיקן פון סמאָליאַרן און זיינע חברים ווי סטאַלי־ניסטן, פון פאַרבאַנד. סמאָליאַר, אַלס פאָרזיצער פון פאַר־באַנד, פירט די באַראַטונג. ער רופט די פּוילישע ייִדן נישט צו עמיגרירן, נאָר לערנען זיך פאַכן און אַרבעטן פאַרן וואוילזיין פון סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד. ער ווערט פאַר־שריגן און אויסגעפייפט. אין דער ערשטער ריי פאָדערן די פאַרזאַמלטע צו באַזייטיקן דאָס בילד פון סטאַלינען פון זאַל.

פאַרשידענע פאָרשלאַגן ווערן פאָרגעלייגט אויף דער באַראַטונג. דער ווייט־גייענדיקסטער פאָרשלאַג איז געקו־מען פון פּאָעט משה זאַלצמאַן וועלכער האָט געפאָדערט דער פאַרבאַנד זאָל זיך אויפליזן; איבערפירן דעם ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט קיין ישראל צוזאַמען מיט דער צייטונג, ביכער פאַרלאַג; און גערופן אַלע ייִדן זיי זאָלן פאַרלאָזן פּוילן, פאָראויסזאָגנדיק אַז פריער אָדער שפּעטער וועלן ייִדן מוזן עמיגרירן אין פיל ערגערע באַדינגונגען. איצט — האָט ער אויסגערופן — איז דאָ אַ מעגלעכקייט אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן צו עמיגרירן קיין ישראל און אַנדערע לענדער. די יעווסעקעס מיט סמאָליאַרן נאַשפּיץ האָבן אויפגעריסן די באַראַטונג, און ס'איז גאָרנישט אַרויס־געקומען פון די אַלע פאָרשלאַגן. דער פערמענט אין פאַר־באַנד האָט געדויערט אַ לענגערע צייט.

צו הילף די „יעווסעקעס" איז געקומען דער דזשאָינט, וועלכער האָט געשטיצט מיט אַ ברייטער האַנט דעם פאַר־באַנד. דער דזשאָינט, וועלכער האָט פון אָנהויב געהאָלפן פינאַנסיעל די ייִדן, וועלכע האָבן געוואָלט עמיגרירן, האָט שפּעטער די געלטער איבערגעגעבן דעם פאַרבאַנד צו זייער דיספּאָזיציע — פאַרשטענדלעך אַז נאָר אַ קליינער טייל ייִדן האָט באַקומען צו טויזנט זלאָטעס, וועלכע האָבן אפילו נישט געסטאַיעט פאַר אַ באַן־בילעט.

ביים סוף 6־1955 זענען פון סאָוויעט־רוסלאַנד צוריק־געקומען אַ גרויסע גרופּע ייִדן, געוועזענע פּוילישע בירגער — מערסטנטייל זענען זיי געקומען פון פאַרשיקונג און פון די לאַגערן. זייער אָפּראַטעווען זיך איז געקומען אַ דאַנק דעם אָפּמאַך, וועלכער איז געשלאָסן געוואָרן צווישן גאָ־מולקאַן און כרושטשאָוון. די כוואַליע ייִדן זענען אויפגע־נומען געוואָרן דורכן פאַרבאַנד מיט אָפענע אָרעמס. סמאָ־ליאַר האָט ווידער באַקומען אַן איינשפּריצונג אין דער פאָרם פון לעבעדיקע ייִדן, מיט וועלכע מ'קאָן אָנפירן און אויפהאַלטן אויף אַ געוויסער צייט אַ ייִדיש לעבן אין פאָלקס־פּוילן.

די צוריקגעקומענע ייִדן האָבן אָבער נישט געהאַט בדעה צו פאַרבלייבן אין פּוילן, נאָר עמיגרירן אין די פרייע לענדער. זיי נוצן אויס די ליבעראַליזאַציע און פאַר־בינדן זיך מיט זייערע פאַמיליעס אין אויסלאַנד, וועלכע העלפן זיי אין זייער גרויסער נויט. די גרופּע ייִדן האָט גרויסע שוועריקייטן ביים פאַרלאָזן פּוילן, נישט מצד דער פּוילישער רעגירונג, נאָר מצד דעם פאַרבאַנד און זיינע פירער, וועלכע זענען ספּעציעל צום דעם צוועק אויסגע־טיילט געוואָרן, ווי: סמאָליאַר, ספּאַרד, הורוויטש און קוואַ־טערקאָ. (ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז קוואַטערקאָ איז דער פאַרטרויאונגס־מאַן פון דער פּאַרטיי, וועלכער פאָרט אַרום איצט אין דער וועלט — צוריקצוברענגען קיין פּוילן די ייִדן וועלכע האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד נאָכן יאָר 1968.

ווען די פירער פון פאַרבאַנד דערוויסן זיך אַז אַ ייִד, אַ פּאַרטיי־מיטגליד, קלייבט זיך צו פאַרלאָזן פּוילן, ווערט ער גערופן און געשטעלט פאַר די פּאַרטיי־אינסטאַנצן, וואָס באַשטייט פון די שוין אויסגערעכנטע פּערזאָנען. זיי רעדן מיט אים, צו ערשט מיט גוטן — אַז ער דאַרף נישט פאַרלאָזן פּוילן; אַז ס'איז אַ פאַרראַט. ווען דאָס העלפט נישט, דראָען זיי אים אין דער ערשטער ריי מיט אַרויס־וואַרפן פון דער פּאַרטיי, באַזייטיקן פון דער אַרבעט און ווען ער האָט שוין דעם אויסלענדישן פּאַס — מיט אָפּנע־מען דעם פּאַס.

יעדע פּאָר טעג ווערן געשטעלט פאַר דעם פּאַרטיי־געריכט חברים, און ווערן באַשטראָפט מיט באַזייטיקן פון דער פּאַרטיי און אַרויסגעוואָרפן פון דער אַרבעט. ס'זענען דאָ אַ סך פאַלן, ווען דער פּאַרטיי חבר, אונטערן דרוק פון סמאָליאַרן, ציט צוריק די ביטע וועגן עמיגרירן. עס זענען אָבער דאָ אַזעלכע וועלכע שרעקן זיך נישט אָפּ פאַר די קאָנסעקווענצן און מאַכן באַמיאונגען צו עמיגרירן. דאַן ווערן די חברים געשטעלט פאַרן פּאַרטיי־קעמערל וואו סמאָליאַר איז דער פאָרזיצער פון אַזאַ פאַרזאַמלונג. ווען ס'געשעט אַזאַ פאַל, ווערט באַלד נאָך אַזאַ פּאַרטיי־געריכט ביים פּאַרטיי־חבר צוגענומען דער אויסלענדישער פּאַס און ער ווערט מאָמענטאַל באַזייטיקט פון קאָאָפּעראַטיוו. דער מחבר פון דעם אַרטיקל האָט אויך דורכגעמאַכט די זעלבע פּראָצעדור ווען ער האָט זיך געגרייט צו פאַרלאָזן פּוילן.

ווען דער פאַראינטערעסירטער האָט נישט געוואָלט זיך אָפּזאָגן פון זיין אויסלענדישן פּאַס, האָט מען אים צו ערשט גערופן אויף אַ לאַנגן געשפּרעך מיטן חבר הערש סמאָליאַר. אָבער ווען ער האָט נאָכן דאָזיקן געשפּרעך זיך

די אומלעגאַלע עמיגראַציע ווערט פון טאָג צו טאָג גרעסער. טויזנטער יידן שמוגלען זיך דורך דער גרענעץ קיין דייטשלאַנד, דורך שטשעטשין, און דורך קודאָוואַ קיין טשעכיע.

דער קעלצער פּאָגראָם איז אינזשינירט און אויסגעפירט געוואָרן דורך דער פּוילישער געהיים-פּאָליציי. עס זענען דאַן געפאַלן איבער פופציק יידן, מערסטנטייל געוועזענע אָפּגעראַטעוועטע קאַצעטלער. דאָס שרעקלעכע פאַרברעכן איז אָנגעפירט געוואָרן דורכן קאָמענדאַנט פון קעלצער וואָיעוואָדישן או.בע. מיעטשיסלאַוו מאָטשאַר, אַ פאַרטרויאונגס-מאַן פון סאָוויעטישן ק.ג.ב. די הינטערקוליסן פון דעם שרעקלעכן מאָרד, וועלכן ס'האָבן אויסגעפירט געדונגענע כוליגאַנעס פון דער ענדעקישער אונטערערדישער פּאַרטיי, האָט געהאַט געמיינזאַמעס מיטן באַזייטיקן די סאָוויעטישע ראַטגעבער פון פאַרשידענע אַמטן דורך גאָמולקאַ.

דורך דער קעלצער מאָרד-פּראָוואָקאַציע האָבן די סאָוויעטן געוואָלט באַווייזן, אַז דער גאָמולקאַ-רעזשים איז נישט בכוח צו פאַרזיכערן רו און אָרדענונג אין פּוילן. די געשעעניש האָט צוגעאיילט דאָס פאַרלאָזן פּוילן דורך פּאַרטייאישע און אומפּאַרטייאישע יידן. אַ גרויסע צאָל יידן וועלכע פאַרנעמען פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס אין דער פּאַרטיי און רעגירונג, זענען איבערראַשט און דערשראָקן געוואָרן פון דעם אָרגאַניזירטן גרויזאַמען פּאָגראָם.

אַ גרופּע יידן וואָס ווילן נישט עמיגרירן אומלעגאַל, גיבן אָן ביטעס וועגן אַרויספאָרן. אָנשטאָט אויסלענדישע פּעסער ווערן זיי געשטעמפּלט אַלס פאַררעטער פון סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד און אַרויסגעוואָרפן פון דער אַרבעט. מיטן אַנטשטיין פון מדינת-ישראל ווענדן זיך יידן מאַסנווייז וועגן אַרויספאָר-דערלויבענישן. די פּאַספּאָרט-אַמטן האַלטן אפילו נישט פאַר נויטיק צו ענטפערן אויף ווענדונגען, אָבער אַ געוויסן טייל יונגע מענער ווערט צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן באַקומען אַרויספאָר-דערלויבענישן. נאָך אַ גרינטלעכער סעלעקציע ווערן די מיליטער-פּעאיקע יידן גערופן קיין באָלקאָוו (נידערשלעזיע), וואו זיי ווערן מיליטעריש געשולט. זייער צאָל האָט באַטרעפט אַרום 500.

נאָכן פאַרענדיקן דעם ספּעציעלן קורס האָבן די מיליטעריש-אויסגעשולטע יידן געדאַרפט געשיקט ווערן קיין ישראל צו פאַרשטאַרקן די קעמפער-גרופּע „הגנה". דער אמתער ציל פון דער עקספּעדיציע איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט געוואָרן אויפגעקלערט. עס איז אָבער זיכער: די יידישע פירער-קאָמוניסטן זענען נישט שטאַרק צופרידן געווען מיטן אויסשולן יידן און שיקן זיי קיין ישראל. אַ דעלעגאַציע פון יידישע קאָמוניסטן אין צוזאַמענשטעל פון זאַכאַריאַש, סמאָליאַר און מירסקי, ווענדן זיך צום וואָיעוואָדישן קאָמיטעט פון דער פּ.פּ.ר. אין וראָצלאַוו, אַז די גאַנצע אונטערנעמונג „באָלקאָוו" זאָל ווערן ליקווידירט. דער וואָיעוואָדישער קאָמיטעט פון דער פּ.פּ.ר. אין וראָצלאַוו ויל נישט רעדן מיט זיי וועגן באָלקאָוו, און מ'הייסט זיי פאָרן אינטערווענירן קיין וואַרשע אין פּאָליט-ביוראָ פון דער פּאַרטיי.

די דעלעגאַציע פון די אויבן דערמאָנטע יידן-קאָמוניסטן ווענדן זיך צום פּאָליט-ביוראָ וועגן אַנולירן די דערלויבענישן אַרויסצופאָרן פון לאַנד. אַ ספּעציעלע באַראַטונג, וועלכע איז גערופן געוואָרן אין צענטראַל קאָמיטעט, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווילדער אַוואַנטורע. דער גרעסטער טייל מיטגלידער פון סעקרעטאַריאַט, מיטן פּאָליט-ביוראָ מיטגליד מאַזור — פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער עמיגראַציע און אימיגראַציע — האָבן געהאַלטן, אַז מ'דאַרף יידן יאָ דערלויבן אַרויספאָרן פון פּוילן. דער פּאָליט-ביוראָ מיטגליד מאַזור האָט דאָס מאָטיווירט דערמיט: אין פאַל פון אַ מלחמה קעגן די סאָציאַליסטישע לענדער, וועלן יידן זיין אַ פיינטלעכער עלעמענט — אַ פינפטע קאָלומנע ביי אונדז אין לאַנד. און די גרעסטע טייל יידן וועלן זיך שטעלן ביי דער זייט פון די קאַפּיטאַליסטן. די אָפּגעגעבענע דערקלערונג פון אַ מיטגליד פון פּאָליט-ביוראָ — מאָסקווער פאַרטרויאונגס-מאַן, איז פאַר די יידישע אַנטיילנעמער אין דער באַראַטונג געווען ווי אַ ערד-ציטערניש און פאַר זאַכאַריאַשן און סמאָליאַרן — אַ פּערזענלעכע מפּלה.

ס'הויבט זיך אָן די גרויסע עמיגראַציע אין 1949, יידן מוזן זיך אָפּזאָגן פון דער פּוילישער בירגערשאַפט — זיי באַקומען נישט קיין פּאַספּאָרטן, נאָר אַרויספאָר-דערלויבענישן. די צאָל-באַאַמטע שיקאַנירן די יידן, לאָזן נישט מיטנעמען צו פיל זאַכן; רעוויזיעס, אפילו ביז אויסטאָנאַקעט, ווערן דורכגעפירט. נאָכן פאַרלאָזן פּוילן דורך צענדליקער טויזנטער יידן גרופּירן זיך איבער די פירער פון קולטור-געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד. זיי רופן אַ לאַנד-צוזאַמענפאָר אין וראָצלאַוו, אין אָקטאָבער 1949. דער צוזאַמענפאָר ווילט אויס — אָדער באַשטימט אַ נייע פירערשאַפט פון בלויז קאָמוניסטן מיט הערש סמאָליאַר אַלס פאָרזיצער. דער צוזאַמענפאָר האָט געהאַט פאַר אַ ציל אײַנהאַלטן און צושמידן די יידישע פאָלקס-מענטשן צו די קאָאָפּעראַטיוון און וואַרשטאַטן, אָנגעפירט דורכן פאַרבאַנד. איבערדערציען די יידישע פאָלקס-מאַסן אין גייסט פון די לעניניש-סטאַליניסטישע אידייען, ווי ס'האָט זיך אויסגעדריקט סמאָליאַר אויפן וראָצלאַווער צוזאַמענפאָר.

אין די טעראָר-יאָרן 1950-55 איז דער קולטור-געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד געווען די אינסטאַנץ, וועלכע האָט אָנגעפירט מיטן יידישן לעבן אויף אַלע געביטן — אַרבעט, שול-וועזן, טעאַטער, פּרעסע, ביכער, זשורנאַלן, און פּאַרטיי-געריכטן איבער יידישע אַרבעטער וועלכע האָבן געוואַגט צו פאָדערן בעסערע באַדינגונגען אין די וואַרשטאַטן און קאָאָפּעראַטיוון. אין יאָר 1953 לעבט איבער דאָס פּוילישע יידנטום שווערע מאָמענטן. דאָס באַשולדיקן יידישע דאָקטוירים אין סאָוויעט-רוסלאַנד, אַז זיי האָבן דורך מעדיצינישער באַהאַנדלונג געמאָרדעט סאָוויעטישע פּאַרטיי-פירער, האָט אַרויסגערופן אַ כוואַליע פון אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען אין די פּאַרטיי-קעמערלעך. ס'גייען אַרום קלאַנגען, אַז דער צענטראַל-קאָמיטעט און די רעגירונג גרייטן צו פּלענער צו דעפּאָרטירן און איזאָ-

ו. יאַבלאָנסקי

און דאָס איז געווען אין פּוילן...

דאָס דערשיינען פון הערש סמאָליאַרס בוך: „וואו ביסטו, חבר סידאָראָוו?" האָט אַרויסגערופן אינטערעס אין פאַרשידענע קרייזן; ספּעציעל ביי די פּוילישע יידן. הערש סמאָליאַר האָט איבער 20 יאָר אָנגעפירט מיטן יידישן לעבן אין פּוילן, צו ערשט מיטן צ.ק. פון די יידן אין פּוילן, און פון 1949 — מיטן קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד. פון די דאָזיקע שווערסטע יאָרן פון טעראָר און אַנטיסעמיטיזם, האָט ער זיכער אינטערעסאַנטעס צו דערציילן.

אין בוך „וואו ביסטו, חבר סידאָראָוו?" שרייבט סמאָליאַר גאָר וועגן זיינע איבערלעבונגען אין סאָוויעט־רוסלאַנד, וואו ער איז טייל מאָל געוואָרן שיקאַנירט, באַליידיקט, אָנגעגריפן, געטאַדלט אַלס ייד; געפילט דעם אַנטיסעמיטיזם אין דער פאַרטיי און אין די פאַרטיזאַנער אָפּטיילונגען.

נאָך דעם אַלעם, ווערט ער געשיקט קיין פּוילן, אויף פאַרטייאישער אַרבעט. הערש סמאָליאַרס בוך, וועגן יידישע פאַרטיזאַנער, אַרויסגעגעבן אין וואַרשע אין יאָר 1952, טראָגט דעם טיטול: „יידן אָן געלע לאַטעס". אין דעם בוך דערציילט סמאָליאַר דאָס פאַרקערטע; יידן־פאַרטיזאַנער זענען געוואָרן זייער גוט באַהאַנדלט; ס'איז געווען זייער אַ סך פריינטשאַפט אין די געמיינזאַמע פאַרטיזאַנער אָפּטיילונגען. ער דערציילט אַ פאַקט, אַז אפילו דער קאָמענדאַנט כאַנאָ האָט זייער ליב געהאַט יידן. פאַקטיש האָט דער קאָמענדאַנט געהייסן מאַכנאָ, אַן אייניקל פון באַרימטן אַטאַמאַן מאַכנאָ.

לאָמיר פּרוּוון איבערגעבן אייניקע פאַקטן וועגן סמאָליאַרס איבער צוואַנציק יאָר געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין פּוילן, וועגן וועלכע ער דערמאָנט בכלל נישט אין קיין שום אַרבעט. וועגן דעם צייט־אָפּשניט וואָלט סמאָליאַר געקאָנט אָנשרייבן אַ גאָר וויכטיקע אַרבעט, באַהאַנדלען דאָס לעבן פון יידן אין דער פּוילישער פאָלקס־דעמאָקראַטיע. ס'איז אַ שאָד וואָס אַזוי פיל פאַקטן און געשעענישן וועלן פאַרלוירן גיין.

סמאָליאַר, אַלס פאָרזיצער פון קולטור-געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד אין פּוילן איז געווען דער פאַקטישער אויספירער פון אַלע באַפעלן, וועלכע ס'האָט אים געגעבן זיין קאָמיסאַר — שמעון זאַכאַריאַש. דער סאַמע וויכטיקסטער פון אַלע באַפעלן איז געווען, אַז יידן זאָלן נישט טראַקטירן פּוילן אַלס טראַנזיט־לאַנד, נאָר ווידער אויפבויען דאָ זייער עקזיסטענץ און איינגלידערן זיך אין קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד.

הונדערט טויזנט יידן האָבן זיך אין יענער צייט געפונען אין פּוילן, און די פירער פון פאַרבאַנד האָבן זיי געוואָלט איינגלידערן אין די יידישע קאָאָפּעראַטיוון גע־
שאַפענע אַ דאַנק „דזשאָינט" געלטער, און אַזוי אַרום אַרויפצווינגען זייער הערשאַפט אויף די יידישע פאָלקס־מענטשן. לאָמיר דערמאנען ווער עס זענען געווען די הונדערט טויזנט יידן: אָפּגעראַטעוועטע פון נאַצישע קאָנצענטראַציע-לאַגערן; קעמפער אין די וועלדער; אויסבאַהאַלטענע אויף דער אַרישער זייט; צוריקגעקומענע פון לאַגערן פאַשאָלקעס פון סאָוויעט־רוסלאַנד; יידישע סאָלדאַטן און אָפיצירן, וועלכע האָבן געקעמפט אין דער סאָוויעטישער און שפעטער אין דער פּוילישער אַרמיי, אָרגאַניזירט אין סאָוויעט־רוסלאַנד. אָט די אַלע יידן האָבן זיך גענויטיקט אין מאַטעריעלער, ווי אויך אין מאָראַלישער הילף.

דער איינציקער אַדרעס אין יענער צייט איז געווען דער יידישער קאָמיטעט אין פּראַגע — טאַרגאָווע 44. אַזוי לאַנג ווי ס'האָבן אין פאָלקס־פּוילן עקזיסטירט יידישע פאַרטייען, איז די טעטיקייט פון יידישן קאָמיטעט געווען אַ פּרוכטבאַרע. שפעטער, ווען די יידישע פאַרטייען זענען געוואָרן דעלעגאַליזירט און די פירער פון די פאַרטייען געצוואונגען צו פאַרלאָזן פּוילן, איז דער יידישער קאָמיטעט (שפעטער דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד) אַוועק אויף וועגן, וועלכע האָבן דערמאָנט די טרויעריק־באַרימטע טעטיקייט פון די „יעווסעקעס".

צו דער ליקווידאַציע פון די יידישע פאַרטייען אין פּוילן האָבן צוגעלייגט אַ האַנט נישט נאָר די זאַכאַריאַשעס, סמאָליאַרס, ספּאַרדס, לאַזעבניקעס, נאָר אין דער ערשטער ריי די יידישע מיטגלידער פון צ.ק. פון פּ.פּ.ר., מיט יאַקוב בערמאַן אין דער אָנפירערשאַפט. אַ לאַנגע צייט נאָך דער מלחמה איז יידיש לעבן אין פּוילן געווען הפקר. הונדערטער יידן זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך די פאַרשידענע מיליטערישע באַנדעס, וועלכע האָבן אין דער זעלבער צייט געפירט אַ פאַרביסענעם קאַמף קעגן די נייע הערשער פון פּוילן — די קאָמוניסטן. און נישט בלויז פון דער א.ק. אָדער נ.ס. זענען יידן געמאָרדעט געוואָרן, נאָר אויך דורך מיליטערישע איינהייטן געטרייע דער פאָלקס-רעגירונג, וועלכע האָבן געזאָלט באַקעמפן די וואַלד־באַנדעס, האָבן נישט איין מאָל זיי צוגעהאָלפן.

ס'איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס די גרעסטע טייל יידן אָפּגעראַטעוועטע פון היטלעריסטישן און סאָוויעטישן גיהנום האָבן נישט געזען קיין מעגלעכקייט צו פאַרבלייבן אין פּוילן, און ווידער אויפבויען זייער עקזיסטענץ. דער פאַרלאַנג צו פאַרלאָזן פּוילן האָט אַרומגענומען טויזנטער יידן. לעגאַל אַרויספאָרן פון לאַנד איז אין גאַנצן נישט מעגלעך געווען. אַלע ביטעס און ווענדונגען פון יידן ווערן אָפּגעוואָרפן דורך די פּאַספּאָרט־אָפּטיילונגען וועלכע שטייען אין פאַרבינדונג מיט די צענטראַלע און וואָיעוואָדישע אָפּטיילונגען פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד.

שטאָט כפר־סבא, ווי גרויס איז די נייע ביבליאָטעק און ווי ברייט די גאַסן.

אין אַלטן צפת בין איך געגאַנגען אין מיטן די שמאָלע ברוקשטייניקע געסלעך ביז אַן אַלטער חסיד האָט מיך אַרייַנגערופן צו זיך אין זיין טונקעלער, שטויביקער קראָם און געזאָגט: „יונגערמאַן, אַ מאָל זענען מיר געקראָכן אין די רינשטאָקן — אָבער היינט זענען זיי נאָר פאַר די איילן!"... איך געדענק די בייזע, צעהיצטע פּנימער פון אַ גרופּע תימנער יידן אין באר־שבע טענהן זיך אויס מיט אַ שטאָטישן באַאַמטן ביז איינער האָט זיך אַוועקגע־דרייט און ביטער געזאָגט: „ס'איז נישט ווערט, חברים, מען קען נישט אַדורכקומען מיט די בני־זונות אשכנזים!"

נאָר אָפּט מאָל פאַרלירן איינדרוקן אין אַ רעטראָ־ספּעקטיוון בליק זייערע אינדיווידועלע געשטאַלטן און פאַרבינדן זיך אויף העכערע מדרגות, אָנהויבנדיק ביס־לעכווייז צו מאָלן אַ בילד פון אַ לאַנד און זיינע פּראָבלע־מען און דערגרייכונגען. צום ביישפּיל, אַ יונגער מאַן מיט ווילדע האָר אַרומגעבונדן מיט אַ פאַרקרעלטן באַנד, שפּילנדיק זיין גיטאַר אויפן תל־אביבער ים־ברעג, זעט נישט אויס צו האָבן אַ סך ענלעכקייטן מיט אַ יונגן אָפּי־ציר אין דער אַרמיי. אַן אָפּשטאַמיקער פון אינדיע, האָט ער מסתמא ווייניקע ענלעכקייטן מיט אַ זקן, וואָס האָט געהאָלפן אויפבויען אַ נייעם קיבוץ מיט אַ פופציק יאָר צוריק.

אָבער ווען איך האָב גערעדט מיט די דריי פּערזאָנען האָבן זיי אַלע געוואָלט מיר געבן צו פאַרשטיין, אַז זיי פילן זיך קודם־כל ווי ישראלים, דערנאָך אַלס יידן. דער קיבוצ־ניק האָט געהאָט די באַדערפעניש צו האָבן אַ נאַציאָנאַלן פאָקוס אין די מלחמה־יאָרן . די צוויי יונגערע זעען די פּראָפּאַגאַנדע קעגן ישראל און ציוניזם אַלס אַ מאָדערנע ראַציאָנאַליזאַציע פאַר אַנטי-סעמיטיזם.

איך קוק איצט צוריק איבער דעם אָפּשניט פון פיר חדשים און באַוויזן פון טיפערע איינדרוקן זאַמלען זיך אין מיין זכרון איינדרוקן פון אַ לאַנד וואָס ראַנגלט זיך נישט נאָר מיט אַנדערע לענדער, אַרמייען, פּראָפּאַגאַנדעס און מענטאַליטעטן דעצידירטע זי צו פאַרפלייצן, נאָר אין לאַנד גופא קומען פאָר ביטערע קאַמפן צווישן די רעליגיעזע און נישט רעליגיעזע, די ספרדים און אשכנזים, און די פאַרשידענע פּאָליטישע פּאַרטייען און מיינונגען. און כאָטש עס פּאַסירן אויך אַזעלכע אינערלעכע שפּאַנונגען אין אַנ־דערע לענדער זענען זיי אין ישראל אַנטקעגן דעם הינטער־גרונט פון אַ יוגנט, וואָס מוז געפינען איר אייגענעם אי־דעאַל און אָביעקט צו פאַרטרעטן די עלטערע דורות, ציו־ניסטישע התמדות און האָפענונגען. און אפילו דאָס גאַנצע לאַנד אַלס אַ יונגע ראַציאָנאַליזאַציע פון פאַרצייטישע האָפענונגען מוז די באַדערפעניש צו בויען איר קולטור און אידענטיטעט נישט זיין באַזונדער פון אַנדערע לענ־דער. נאָר אייך אַנדערש, און דאָך אַ טייל פון איר אייגענער קדמונישער געשיכטע.

עס איז שווער צו געבן אַין ביישפּיל וואָס זאָל באַ־ווייזן דעם פּראָבלעם אין דער פולער גאַנצקייט. עס צע־שפּרייט זיך דורך כמעט אַלע מיינע איינדרוקן, און אויך אין דעם אונטערשייד צווישן זיי — צווישן אַ שפּאַציר אין דיזענגאָף, מיט זיין ליכטיקער געדריי פון קאַפעען, רעס־טאָראַנען און מענגעס מענטשן, באַטראַכטן זיצנדיקערהייט ביי די קליינע טישן דעם לעבעדיקן שטראָם, אָדער ערנסט זשעסטיקולירן, דיסקוטירן, טענהן זיך איבער אַ לאַנגזאַ־מער פּראָצעסיעס פון גלעזלעך טיי; אָדער פאַרליבטע פּאָר־לעך שטייענדיק אין רעדלעך; גאַפנדיקע טוריסטן און צע־היצטע יוגנט.

איך דערמאָן זיך אין אַ שפּאַציר, וואָס איך האָב גע־מאַכט צו דעם מויער פון אַלט ירושלים, דער קופּאַל פונעם „על-אמאר" מעטשעט, אַ גאָלדענעם גלאַנץ איבער דעם פלאָנטער פון ווייס-שטייניקע הייזלעך, און שמאָלע געס־לעך ווי אָדערן, אַנטפּלעקן פון צייט צו צייט אַ בליק פונעם כותל־מערבי; אַראַבער אין ווייסע „קאַפּיעס" אויפּפּאַסנ־דיק אויף קליינע ווײַנשטאָקן; אַ חסיד מיט צוויי קליינע קינדער ביי די הענט גייענדיק דורך דער לאַנגער הויפּט מאַרק־גאַס; אַ שפּאַציר, וואָס יידן האָבן נישט געקאָנט מאַכן צוויי טויזנט יאָר, און דאָך די שטאָט פון שלום און איר לאַגע האָט זיך אַזוי ווייניק געענדערט אין דער גאַנ־צער צייט.

די ענלעכקייטן און אונטערשיידן אין דער ישראל־דיקער געזעלשאַפט זענען אָפּגעשפּיגלט אין אירע געדראַנ־גען און מאַסעס — גייענדיק שבת אין דער פּדי אין שול אַריין. אַז די גאַסן זענען אזש געוואָרן ווייס פון טליתים. אָדער די יוגנט ווען זי טאַנצט יום־העצמאות ביינאַכט אין ירושלים, אָדער די געאיילטע שוויציקע שטופּענישן אין די סופּערמאַרקעטס און קראָמען; אָדער די וויאַ־דאָלאָראָזאַ אַזוי פאַרפּאַקט מיט מענטשן, אַז איך האָב נאָר געקאָנט אַדורכגיין אָנכאַפּנדיק זיך ביי אַן אַראַבישן קאַפּע־פּאַר־קויפערס זילבערנער אורנע אויף איין זייט, און אַ סאָל־דאַטס זשאַקעט אויף דער צווייטער. אָפּט מאָל בלייבט אין זכרון אַ קאָמישע סצענע. אין צפת, אויף איין זייט גאָס איז געשטאַנען אין דרויסן אַ רעדל ערנסטע תלמידים פון דער ישיבה, ציענדיק זיך ביי די פאות און געוואָרפן מיט די הענט. גלייך איבער דער גאָס איז געווען אַ סינעמאַ מיט אַ גרויסער רעקלאַמע פאַר „בלויע פילמען".

דאָס זוכן און די קאָנפליקטן שטייגן אויף אין מיין זכרון ווי צוויי גרויסע הויכע טורעמס — מגדל דוד אין ירושלים — אַ סימבאָל פון דער געשיכטע און רעליגיע פון אַ פאַרפאָלגט, צעשפּרייט פאָלק; און מגדל־שלום אין תל־אביב — אַ שטאָלצער מאָנומענט פון שטאָל און גלאָז פון אַ יונג לאַנד; דאָס גרויסקייט פון אירע מענטשן און דערגרייכונגען, און זייערע האָפענונגען אין אַ שווערן היינט וואַרטנדיק אויף אַ גליקלעכער צוקונפט.

אַ יאָר אין ישראל

איזי אוניקאָווסקי *)

איך מוז זיך מודה זיין: ווען איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפשרייבן די אָנגעזאַמלטע איינדרוקן פון אַ יאָר אין ישראל, בין איך געוואָרן קאָנפראָנטירט מיט אַ פאַראַדאָקס. דווקא ווייל איך בין באַווירקט געוואָרן פון אַ ריזיקער מאָזאַיק פון קאָנפליקטן־שמחות און עצבות, איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן וועגן וואָס און וויפיל איך וועל נאָר שרייבן, וועט עס זיין בלויז אַן אָנוואָרף פון פלאַכקייטן...

עס טויכן אויף פאַר מיינע אויגן אַ הונדערט קליינע בילדער: אין תל־אביב, ביי דער הויפט־אויטאָבוס־סטאַציע, אין מיטן פון אַ לויפנדיקער, שרייענדיקער, צעקוועטשטער און צעקאָכטער מענטשן־מאַסע, שטייט אַ חסיד און פאַרקויפט לאָטעריע בילעטן. מיט אַ מאָל זעצט ער זיך אַוועק און הייבט אָן לייענען פונעם חומש, און אין מיטן טומל ווערט ער אַן אינדזל פון שטילקייט, איזאָלירט פון דעם געלויף און גערודער אַרום אים. ער לענט זיך אָן אין אַ גרויסן וואַנט־פלאַקאַט פון אַ נאַקעטער פרוי וואָס קוקט אַראָפ אויף אים מיט אַ לאַכנדיקן שמייכל אויף אירע ליפן. אין חיפה, אויפן ברעג ים, האַלט אַ גרופע היפיס אַ לאַנגע דיסקוסיע מיט אַ פאָר סאָלדאַטן, וואָס זענען געקומען זיי אַוועקיאָגן, וועגן דעם בורא־עולם און אַלץ וואָס געפינט זיך אין זיין באַשאַף.

סצענעס און פנימער צאַנקען — אַן איינזאַמער דרוזישער יינגל־פאַסטוך צערייסט די שטילקייט פונעם גולן־באַרג מיט דעם נייעם אַמעריקאַנער „פאָפ"־ליד אויף זיין טראַנזיסטאָר... אין אַ שמוציקער קאַפע, דריי שיכורע רוסן זידלען רוסלאַנד און וויינען דערביי; פון בענקשאַפט זינגען זיי אַ רוסיש פאָלקס־ליד. ... אין אַ שטילן, גאָלדענעם ערב־שבת, אין די סודותדיקע געדרייטע געסלעך פון צפת נעמט אַן אַלטער חסיד אין אַ צעריסענער קאַפאָטע מיך צערטלעך ביים עלנבויגן און פרעגט מיך: „יונגער מאַן, וואוהין גייסטו?" — און איך ווייס נישט וואָס אים צו ענטפערן. ... אין ירושלים, אַ בכבודיקער רב, זיין באָרד און ארבע־כנפות פלאַטערנדיק אין דעם ווינט, שטייט גאווהדיק פאַר זיין ישיבה און פרובירט צו געפינען אַ „טרעמפ" אַהיים.

אָפט מאָל ליגט מיר דער שאָטן פון די שונא־ישראל אין מיין זכרון — אַן איינציקער סאָלדאַט שטייט אויפן מיליטערישן בית־עולם אין ירושלים און זאָגט קדיש נאָך זיינע חברים. ... אין צפת אַ פרוי און אַ מאַן מיט פאַרווינטע אויגן שטייען פאַר אַ קליין קברל אין דער באַזונדערער „מעלות" סעקציע... אַ ווילדער שטורעם באַגריסט יד־ושם אין ירושלים, און אינעווייניק לויפן יונגע טוריסטן אַדורך דעם מוזיי, כדי צו קענען זיצן לענגער אין דער קאַפע... אַ קיבוץ־אויטאָ פאָרט צו צום אַדמיניסטראַציע בנין, און אַ האַלבע שעה שפעטער פאָרן שוין אַ סך מענער אַוועק אויף מילואים — מען רעדט נישט, נאָר פון דעסט וועגן ווייסן אַלע, אַז ס'איז אַן „אַלערט".

עס שטעלן זיך גלייכצייטיק פאַר מיינע אויגן בילדער פון צו־להכעיסדיקייט און האָפענונג. ווען ירושלים איז פאַר יום־הצמעאות פאַרפלייצט מיט קאָליר און זינגען, און עקסטאַטישן טאַנצן פון פרעמדע וואָס מיט די אָרעמס איינער אויף דעם אַנדערנס פלייצעס האָבן זיך געפילט פאַראייניקט מיט זייער פאָלק, געשיכטע און גורל. ... אין אַ מושב נישט ווייט פון צפת שטייט אַ מאָנומענט פון שטילן אומעטיקן שטאָלץ — איינער פון די איינוואוינער איז דערהרגעט געוואָרן אין דער לעצטער מלחמה, ווען מען האָט זיין אַעראָפלאַן אַראָפגעשאָסן. די מושבניקעס האָבן עס צוריקגעבראַכט פון סיני און עס שטייט איצט ווי אַ שוועבנדיקער פויגל איבער דעם טאָל וואָס איז צווישן צפת און ים־כנרת. ... סאָלדאַטן אויפן מויער איבער דעם יפו־טויער ווינצלען זיך מיט כיכיקעדיקע מיידלעך אונטער אים.

נאָר איך געדענק אויך דאָס מיידל וואָס האָט מיר דערציילט ווי אַזוי זי האָט אַריינגעשטעקט צווישן די פאַרצייטישע שטיינער פון כותל־מערבי אַ בקשה־פאַפירל, אַז זי זאָל באַקומען אַ סך געלט... אַ קאַנווע פון פנימער לויפט דורך מיינע זכרונות — דאָס אָפגעברענטע פנים פון אַ קיבוצניק אין דעם גולן, ווייזנדיק די מרה־שחורה־דיקע בערג איבער אונדז און זאָגנדיק: „איך בין אויפגעוואַקסן אין אַ מקלט, געאַרבעט האָבן מיר אונטער זייערע האַרמאַטן. ווי אַזוי קענען מיר דאָס אַלץ צוריקגעבן?"...

איך געדענק דאָס טרערן־גלאַנציקע פנים פון אַ מיידל, וואָס האָט אויסגעגאָסן איר פאַרצווייפלונג אין נאַכט אויפן תל־אביבער ברעג — „נאָך אַ וואָך, און איך מוז גיין אין דער אַרמיי אַריין — צוויי יאָר, און דערנאָך? חתונה האָבן, שוואַנגערשאַפט יעדע צוויי יאָר, אַ קליינע הייסע דירה אין תל־אביב? קענסט נישט הערן ווי די כאַפשטייגלעך שליסן זיך צו אַרום אונדז אַלע?" ביז זי איז געוואָרן אַזוי היסטעריש, אַז זי האָט זיך געבעטן ביי מיר איך זאָל איר געבן אַ קינד פונקט דאָרטן און דעמאָלט...

איך געדענק די פאַרזאָרגטע פנימער פון צוויי יונגע לייט, וואָס האָבן מיך אויפגעוועקט פון אַ דרימל אין אַ פאַרק, מיך געוואָרנט וועגן גנבים, און ווייל זיי זענען געווען זיכער אַז איך בין אָן אַ גראָשן האָבן זיי מיר, אַ פרעמדן, גענומען צו זיך אין שטוב, געגעבן עסן און דערנאָך האָבן זיי מיך גענומען אויף אַ שפאַציר כדי איך זאָל זען און דערציילן אַלע אין אויסטראַליע ווי שיין ס'איז די

---

*) אין פריערדיקן נומער „מעלבורנער בלעטער" האָבן מיר פאַרעפנטלעכט אַ פאָעמע „דער ייד". אוניקאָווסקי איז אַלט געווען 16 יאָר ווען ער האָט די פאָעמע געשריבן, ווי אַן אַרויסלאָז־אַרבעט פון דער י. ל. פרץ־שול. אַלס 18־יאָריקער בחור, האָט אוניקאָווסקי געלעבט אין ישראל אַ יאָר צייט. די היינטיקע אַרבעט איז דער רעזולטאַט פון זיינע אָבסערוואַציעס.

שטופּן זיך אַריין געוויינלעך דריי מאָל אַזוי פיל מענטשן פאַר וויפל עס איז דאָ אָרט, איז מעגלעך אַז צוליב דעם טאַקע האָט דער עולם פאַרגעסן וועגן די יידן. וואָרעם דאָ פאַדערט זיך מער אַרבעט מיט די עלנבויגנס ווי מיט דע־צונג. דער וואַגאָן האָט זיך גענומען אָנפילן. אין דער שטופּעריי איז פּיוול פּייסאַכאָוויטש פּונקט ווי אַלע, נישט געווען געגנוג העפלעך — צווישן אונדז גערעדט — אין דער שטופּעניש איז קיינער נישט געווען צו אידל. פון דעסטוועגן איז ער דווקא געווען שולדיק אין אַלעם, ווייל זיין אויסזען האָט ביי קיינעם נישט געלאָזט קיין ספק וועגן זיין אָפּשטאַמונג. ווען דער צעבייזערטער המון האָט אים פאַרגעוואָרפן אַלץ וואָס זיי טראַכטן וועגן אים, האָט מען אים נאָך פון אומעטום נאָכגעשריגן: „פאַרנעם זיך צו דיינע, קיין ישראל!"

אָבער ווען עס איז וועגן אים שוין מער גאָר נישט געבליבן וואָס צו זאָגן, האָט מע אָנגעהויב באַליידיקנדיקע געשפּרעכן וועגן די „זשידעס", די אַנדערע יידן, וועלכע זיי קאָנען פערזענלעך. פון דעם אַלעם האָט זיך, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, זיין שטימונג נישט פאַרבעסערט.

ביי דער אַרבעט אָבער איז געווען לייכטער. מען האָט זיך געקאָנט אָפּטיילן פון דעם אַלעם דורך אַריינוואַרפן זיך אין דער אַרבעט, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט. אין מיטן טאָג האָט מען אויפן ברעטל פאַר מעלדונגען אויס־געהאָנגען די רשימה פון די, וועלכע האָבן פאַרדינט אַ פּרעמיע אין דער הויך פון 10 ביז 30 רובל. זיין נאָמען האָט זיך אויך באַוויזן אין דער רשימה. און כאָטש ער האָט די אַרבעט אויסגעפירט ווי געהעריק, איז זיין פּרעמיע געווען 7 רובל מיט 50 קאָפּיקעס. זיי האָבן אים, הייסט עס, דאָך געגעבן די פּרעמיע. פאַר וואָס זשע די סאַמע קלענסטע? פּשוט דערפאַר, ווייל קיין קלענערע האָט מען שוין נישט געקאָנט געבן...

אויפן וועג אַ היים איז אין טראַמווי געווען רואיק. ער האָט אפילו לייכטער אָפּגעאָטעמט, אַרויסגייענדיק אויף זיין סטאַנציע. יאָ, עס טרעפט אַ מאָל אַזוי אויך...

אין דער ריי (אָטשערעד) נאָך קאַרטאָפל, האָט ער זיך ווידער דערוואוסט, אַז טאַקע די „זשידעס" זענען שולדיק אין אַלעם—אין וואָס זענען זיי נישט שולדיק!—און כאָטש אייניקע פון זיי שטייען אפילו אין דער ריי נאָך קאַרטאָפל, גלייך מיט אַלעמען איז אָבער וואַרשיינלעך, אַז אין דער היים וואַרט אויף זיי אַ הינערישע יויך און אַנדערע מאכ־לים, וואָס ווערן געקויפט אויפן חשבון פון די פּראָסטע, אָפּגענאַרטע האָרעפּאַשניקעס... און אָט איז דאָ די קאַר־טאָפל — האַלב פאַרפוילט, פאַרקלעפּטע מיט ערד — און דער מענטש שפּאַנט אַהיים

זיין היים איז אַ צימערל אין אַ קאָמונאַלער דירה, אין וועלכער עס שטייט בלויז דאָס נויטיקסטע און פּשוטסטע מעבל. אַדורכצוגיין פון טיר ביזן פענצטער איז גאַנץ שווערלעך, ווייל דער דורכגאַנג איז ענג און אומבאַקוועם. עס האָט זיך נאָך פאַראויסגעזען דאָס אָפּצוקאָכן די געקויפּ־טע קאַרטאָפל אין דער קיך, וואו געוויינטלעך אין דער צייט קלייבן זיך צונויף אַלע אַכט שכנות. אָבער דאָס איז שוין דאָס פּראָבלעם פון זיין פרוי. דאָ וועט איר אויסקומען אויסצוהערן געשפּרעכן, אַלץ וועגן די „אומדערטרעגלעכע זשידעס"; וועגן דעם, אַז זיי זענען אַלע אָן אויסנאָם חוצפּה־דיק; אַז פון זיי שטינקט תמיד; אַז עס איז נישטאָ קיין שום מעגלעכקייט פון זיי פּטור צו ווערן, און אַזוי כסדר...

ער אָבער וועט זיך אויסרוען. נעמען אַ בוך, זיך אַוועקזעצן מיט אים אין אַ ווינקעלע ביים טיש־לעמפּל אַזוי, עס זאָל נישט שטערן צום שלאָפן זיין זון. אַלץ האָט זיך אַרויסגעוויזן געגנוי ווי ער האָט עס פאַראויסגעזען. די פרוי איז אַוועק אין קיך און איז אין אַ קורצער ווײַלע אַרום גע־קומען צו לויפן צוריק, מיט טרערן אין די אויגן. די שכנות האָבן זי צו דעם דערפירט. אָנשטאָט זיך אָפּצורוען און צו לייענען, האָט ער דעם גרעסטן טייל פון אָוונט אַוועקגעגעבן אויף צו באַרואיקן זיין פרוי.

נאָכער זענען זיי געזעסן און געטרוימט וועגן דעם, אַז עס וועט קומען אַ צייט אין וועלכער די פּראָבלעמען וועלן געליזט ווערן, דאַן וועט מען קאָנען לעבן רואיק, אפילו די פּיוול פּייסאַכאָוויטשעס... אַז דאָס געהאַלט וועט גענוג זיין ביזן לעצטן טאָג פון חודש...

זיי האָבן אויך געטרוימט וועגן די אַנדערע זאַכן וועלכע זענען דאָ אין לאַנד וואו זיי זענען געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן. דאָס לאַנד, איז וועלכן זיי האָבן געבויט דעם מיטישן קאָמוניזם און וועגן אַלעם, וואָס מען קען בלויז זען אין אַ שיינעם חלום.

זיי זענען געגאַנגען שלאָפן בעטנדיק גאָט, אַז די נאַכט זאָל דער טרוים זיי קומען צו חלום.

(איבערגעזעצט פון רוסיש: פרידאַ ווילענסקי)

רוף צו יידישע שרייבער

די רעדאַקציע פון „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", באַנד 8, איז מודיע אַלע יידישע שרייבערס, וויסנשאַפטלערס און זשורנאַליסטן, אַז די אַרבעט צו פאַר־ענדיקן דעם לעקסיקאָן פירט זיך שוין חדשים און איז אין פולן שוואונג (אותיות ק, ר, ש, ת). דאָס איז דערמעגלעכט געוואָרן אַ דאַנק דעם גרונטפאָנד פון 25 טויזנט דאָלאַר, וואָס אַלעקס ראָבין פון לאָס אַנדזשעלעס האָט געגעבן אין אָנדענק פון זיי פרוי, שפרה בעקער־ראָבין.

די רעדאַקציע בעט ווידער אַלע יידישע פענמענטשן אַריינצושיקן זייערע אויטאָביאָגראַפיעס דורך אַרויספאָדערן ביי אונדז אַ פרעגבויגן אָדער אויף אַן אַנדער אופן. די שרייבערס, וואָס וועלן דאָס נישט טאָן, וועלן מאכן שווע־רער פאַר דער רעדאַקציע, אַז זייערע ביאָגראַפיעס זאָלן אַרויסקומען אין גאַנצן פינקטלעך.

די לעקסיקאָן־רעדאַקציע

אַדרעס: Lexicon Committee,
25 East 87th Street,
New York, N.Y. 10021 – U.S.A.

בּאָריס שוואַרצשטיין

איין טאָג אין לעבן פון אַ סאָוויעטישן ייד...

אַ מענטש — ווי עס איז אָנגענומען צו באַצייכענען אים אין דעם טייל פון דער וועלט וואו ער לעבט: דער פּשוטער סאָוויעטישער מענטש.

דער מענטש פאַרנעמט נישט קיין הויכן פּאָסטן, ער געפינט זיך אָבער אויך נישט אויפן נידעריקסטן שטאַפּל פון דעם געזעלשאַפטלעכן לייטער. ער איז אַ געוויינלעכער מיטעלער בירגער. צום ביישפּיל: אַן אינזשיניער, וואָס לעבט פון זיין לוין; דאָס הייסט, ער האָט נישט קיין אומלעגאַלע פאַרדינסטן. ער בויט — ווי אַלע, דעם קאָמוניזם; גייט אויף פאַרזאַמלונגען, האָט אַ פרוי, איין קינד און טרעפט זיך פון צייט צו צייט מיט פריינד. ער אַרבעט אַזוי ווי אַלע. מען וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז אָט דער מענטש טיילט זיך איבערהויפּט נישט אויס פון מיליאָנען אַנדערע „בויער פון קאָמוניזם".

זיין נאָמען לויטן פּאַספּאָרט איז: פייוול פייסאַכאָוויטש. אַזוי מוז דאָך זיין. אַ פּשוטער סאָוויעטישער מענטש — און אַזאַ נאָמען!

ווען ער באַקענט זיך מיט ווּעמען נישט איז, איבערזעצט ער זיין נאָמען אויפן סאָוויעטישן לשון: פעדאָר פּיעטראָוויטש. דאָס קלינגט שוין פיל בעסער — מער סאָוויעטיש. זיינע מיטאַרבעטער רופן אים אויך פעדאָר פּיעטראָוויטש, אָבער ווען ער איז נישטאָ דערביי, רופט מען אים אומבאַדינגט פייוול פייסאַכאָוויטש און דערצו לייגט מען אים פאַנאַנדער אויף טעלערלעך, בּוצנדיק דערביי דעם פאַרהאַסטן, יידיש־קלינגענדיקן אַקצענט. דאָס פאַרשאַפט זיי פאַרגעניגן.

טייל מאָל, אַז מען וויל אים וויי טאָן — עס זאָל אַ דריק טאָן ביים האַרצן, טוען זיי עס — ווען ער איז יאָ דאָ דערביי. איז נישט דערפאַר וויל ער נישט הייסן מיט זיין אַייגענעם נאָמען, ווייל דער נאָמען איז שלעכט, נאָר פּשוט דערפאַר, וואָס מיט אַזאַ נאָמען איז שווער צו לעבן.

אָט, אַ פרימאָרגן. דער מענטש וועקט זיך אויף. ער איז נאָך נישט אין גאַנצן געקומען צו זיך. ער לעבט נאָך איבער אַ חלום, וועלכן ער האָט געזען אין שלאָף. אַ גוטער חלום. עס האָט זיך אים געחלומט, אַז כאָטש ער איז פייוול פייסאַכאָוויטש, גייט עס קיינעם נישט אָן, און מען רופט אים נישט אין טראַמוויי אָדער אין אַ ריי: „זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ"...

זיין זון, וועלכער איז נישט מער ווי פיר יאָר אַלט, איז היינט געקומען פון קינדער־גאָרטן און האָט נישט געפרעגט, וואָס איז דאָס אַזוינס „זשיד"? צי איז דאָס אַ שלעכט וואָרט? ווייל די אַנדערע קינדער רופן אים אַזוי, ווען זיי זענען מיט אים נישט צופרידן, אָדער ווילן זיך מיט אים רייצן. עס האָט זיך אים אפילו געחלומט, אַז היינט איז דער טאָג ווען מען צאָלט אויס דאָס געהאַלט און ביי אים איז נאָך אפילו פון פאָריקער וואָך איבערגעבליבן גאַנצע 5 רובל. אַ וואונדערבאַרער חלום!

די צייט אָבער גייט און ער האָט זיך שוין אין גאַנצן אויפגעוועקט. נאָך דעם ווי ער האָט זיך אָנגעטאָן און אָפּגעפרישטיקט, איילט ער זיך צו דער אַרבעט, טראַכטנדיק אויפן וועג — ביי וועמען וואָלט מען געקאָנט באָרגן אַ צענער רובל, ער זאָל קאָנען דערציען ביז צום טאָג, ווען מען צאָלט אויס שכירות. ביז דאַן איז נאָך געבליבן גאַנצע פיר טעג. אָבער קיין געלט איז שוין נישטאָ. בכלל, איבערלעבן פיר טעג פאַר 10 רובל איז נישט מעגלעך, אָבער די אוממעגלעכקייט באַשטייט אין אָנהויב פון חודש. צום סוף אָבער פון חודש דערשטוקעוועט מען שוין ווי נישט איז.

פייוול פייסאַכאָוויטש איז אַרויס פון זיין וואוינונג און ווי געוויינטלעך, האָט ער זיך זייער העפלעך באַגריסט מיטן הויז־וועכטער, וועלכער האָט אַ נאַכט פריער זיך אַיבערגעשיכורט און נישט זייענדיק צופרידן מיט דעם, וואָס ער קאָן נישט באַלד אין דער פרי מאַכן אַ „פּאָדכמיעל", האָט ער אונדזער באַקאַנטן באַגריסט מיט: פייוול פייסאַכאָוויטש.

אויף דעם טראַמוויי אָפּשטעל־אָרט איז געווען אַ גרויסער עולם. די מענטשן האָבן אָפּגעשאַצט די לעצטע נייעס און האָבן אומבאַדינגט, פאַרשטייט זיך, געזידלט די „פאַרשאָלטענע יידן". דאָרט אין ישראל זענען זיי געוואָרן אַזוי חוצפּהדיק, אַז זיי ווילן דווקא אַ רואיק לעבן און לאָזן נישט די „אָרעמע אַראַבער" זאָלן וואַרפן באָמבעס אין די קינאָס, טעאַטערן און שול־אויטאָבוסן. געוויס, די דייטשן האָבן זיי נישט גענוג אַוועקגעהרגעט אין דער מלחמה, קאָנען זיי זיך איצטער דערלויבן אויף חוצפּה.

ווען עס איז אָנגעקומען דער טראַמוויי, אין וועלכן עס

מיר זיך פאַראייניקט. אַזוי איז דאָס געווען איז וועלט־מאַסשטאַב, און אַזוי איז דאָס געווען אין אַ לאַנד־מאַסשטאַב בעת דער יום־כפּור־מלחמה. אַזאַ געפאַר איז אין אַ געוויסער מאָס אויך איצט פאַראַן; איז דעריבער נויטיק און וויכטיק די אייניקייט פאַר דעם גערעאַנגל פון צוריק אויפלעבן די יידישע שפּראַך און די יידישע קולטור. דאָס איז דער געבאָט פון די שעה. אַ דור שפּעטער — ווער ווייס צו מיר וועלן ביכולת זיין דאָס צו טאָן — בכדי אַריינברענגען די אייניקייט צווישן דעם אַלטן דור און דעם יונגן דור, בכדי אַריינצוברענגען די אייניקייט פון יידישן פאָלק אין אַלע ישובים איבער דער וועלט.

דאָס יידישע פאָלק איז באַקאַנט אַלס אַ פאָלק פון ניסים, זאָל דער נס „ווידער פּראָקלאַמירונג פון יידיש", זאָל דער „נס יידיש" אַריינגיין אין דעם היסטאָרישן גורל פון דער יידישער מדינה און פון יידישן פאָלק.

י. אַרבאַך

י. אָרבאַך

ווידער פּראָקלאַמירונג פון יידיש

(ערב דער וועלט-קאָנפערענץ פאַר יידישער קולטור אין ירושלים.)

די אַלוועלטלעכע קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור, וועלכע דאַרף פאָרקומען ענדע פון חודש אויגוסט 1976 אין ירושלים, זעט פאַר אַ ברייטן פּראָגראַם צו באַהאַנדלען אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ זייער עיקרדיקע פּראָבלעמען. איינער פון זיי וועט האָבן פאַר אַ ציל אָנהויבן אַ געהעריקע אַקציע, אַז די יידישע שפּראַך און יידישע ליטעראַטור זאָלן איינגעשלאָסן ווערן אין די לערן־פּראָגראַמען פון אַלע יידישע לערן־אַנשטאַלטן איבער דער גאָרער וועלט, מדינת ישראל אַריינגערעכנט.

די נויט פאַר אַזאַ פּראָקלאַמירונג־אַקציע, וואָס איז רייף געוואָרן — אַ ביסעלע שפּעטלעך — אין מדינת ישראל, איז אַרויסגעוואַקסן פון אַ גאַנצער ריי היסטאָרישע אַנטוויקלונגען אין משך פון די לעצטע 10 יאָר אין אַלע יידישע ישובים אין דער וועלט. די יידישע ישובים אונטער דעם איזערנעם פאָרהאַנג אַריינגערעכנט.

ווייל, נישט קוקנדיק אויף די קלאָג־מוטערס אין מדינת ישראל און אין אַנדערע יידישע ישובים, אַז יידיש גייט אונטער, אַז יידיש איז געווען אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פאַר דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, וועלכער איז צום באַדויערן פאַרשניטן געוואָרן אין דער ציפער פון „זעקס מיליאָן" — מוזן זיי אָבער צום היינטיקן טאָג פעסט־שטעלן: אפילו נאָך 28 יאָר עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה, וואו די העברעאישע שפּראַך איז די נאַציאָנאַלע אויטאָריטאַטיווע שפּראַך פון דער מדינה, וואָס איר ציל איז אויך העגעמאָניזירן די העברעאישע ישראל־קולטור אין די תפוצות — איז יידיש נאָך אַלץ די פאַרבינדונג-שפּראַך צווישן אַלע יידישע ישובים איבער דער גאַנצער וועלט.

די וויטאַליטעט און לעבנס־פעאיקייט פון יידיש, האָט אַרויסגערופן אַ שטייגנדיקן אינטערעס אין דער יידישער מדינה און אויך אין „אינגליש-ספּיקינג" יידישע קיבוצים. מען האָט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן יידישע קאַטעדרעס אויף די אוניווערסיטעטן און אָרגאַניזירן און פאַרלייגן יידישע סטודענטן־קלובן אין די מיטל־שולן (היי־סקולס). דער אינטערעס ביי אַ סך יידישע עלטערן צו פאַרלאַנגען די יידישע שפּראַך אַלס אַ לימוד אין די „דזשואיש־אינגליש" און „היברו־אינגליש" מיטל־שולן; דער דראַנג פון אַ סך יידישע עלטערן צו געבן זייערע „תינוקות של בית־רבן" אין יידישיסטישע שולן, אָנשטאָט אין די אַלגעמיינע שולעס — זענען סימנים וואָס מען קען אָנרופן היסטאָריש־אָנ־רעגנדע — אַז די ווידער פּראָקלאַמירונג פון דעם לשון הקדושים-יידיש, דאַרף ווערן אַ וויטאַלער כח אין אונדזער אַלגעמיינעם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן.

דער רוף צו אַלע דעלעגאַטן — אויסטראַלישע דע־לעגאַטן אַריינגערעכנט — וואָס וועלן אָנטייל נעמען אין דער קאָנפערענץ איז: זיי זאָלן וויסן און געדענקען, אַז עס איז נישט די צייט פון האַלטן שיינע רעדעס, אָדער אָננעמען גוט צונויפגעשטעלטע רעזאָלוציעס. עס איז די צייט ווען אונדזער דורותדיקער שטרעבונג: „המשך און קיום" ווערט באַדראָט, ווייל דער המשך און די קרובה־שאַפט צווישן עלטערן דור — וואָס יידיש מאַמע־לשון איז געווען און איז זיין שפּראַך — און דעם יונגן דור „שלא ידע את זיידעס און באָבעס" ווערט אַלץ מער און מער אָפּגעפרעמדט. במילא ווערט אויך אָפּגעפרעמדט ביי דעם דאָזיקן יונגן דור די צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק און די צוגעבונדנקייט צו דער יידישער מדינה.

דער רוף צו די דעלעגאַטן דאַרף זיין, אַז אין מדינת ישראל זאָלן אָנגענומען ווערן אַלע מיטלען, אַז די דיס־קרימינאַציע לגבי דעם לשון־הקדושים — זאָל פאַר־שוואונדן ווערן אויף אַלע געביטן. גאָר שטאַרק דאַרף די קאָנפערענץ אויפהייבן דעם גרויסן פּראָטעסט געשריי, קעגן דעם פאַרברעכן לגבי דער יידישער שפּראַך און דער יידישער קולטור, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן און ווערט באַגאַנגען ביז צום היינטיקן טאָג אין דער „סאָציאַ־ליסטישער" ראַטן־פאַרבאַנדישער מדינה.

מען קען נישט אויסרעכענען — על רגל אחת — די אַלע פּראָבלעמען וואָס שטייען פאַר, בכדי צו פאַרווירק־לעכן די דערגרייכונג פון אַ נייעם עטאַפּ אין דער אַנט־וויקלונג פון דער יידישער שפּראַך און דער יידיש-וועלט־לעכער קולטור — מען דאַרף אָבער נעמען אין באַטראַכט, אַז נייע אופנים און אפילו „רעוואָלוציאָנערע" מעטאָדן דאַרפן אָנגעוואָנדן ווערן, בכדי דאָס אויפלעבן די יידישע שפּראַך אַלס אַ פאָלקס־שפּראַך — זאָל ווערן אַ יש, אַז די שטימונג פון „לעצטקייט" דעפּיטיזם און רעזיגנאַציע זאָלן פאַרשווינדן.

און נאָך עפּעס, וואָס דאַרף זיין דער „אַלפאַ־אָמעגא" פון די דעלעגאַטן אויף דער קאָנפערענץ. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס באַשטימטע חילוקי־דעות אין פּאָליטישן־אידעאָלאָגישן גאַנג פון יידישן לעבן זענען היסטאָריש באַ־רעכטיקט — טאָר אָבער בשום אופן נישט דערלאָזט ווערן אַז וועלכע עס איז פּאָליטיש־אידעאָלאָגישע ריכטונג זאָל אַרויפלייגן איר שטעמפּל אויפן גאַנג אָדער אויסגאַנג פון דער דאָזיקער וויכטיקער אַלוועלטלעכער יידיש־קאָנפע־רענץ.

מיר האָבן שטענדיק דאָס געפיל — און מיר דאַרפן עס שטענדיק האָבן — אַז בעת אַ פאָלקס־געפאַר דאַרפן

אידענטיטעט. מיר זענען מער נישט זיכער, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר אַ פאַרבעסערונג. אין דער אומזיכערקייט, זענען מיר שוין אַליין נישט מער זיכער מיט זיך.״

„איך באַגרייף, אַז נישט צוליב גאָרנישט איז איינער געווען במשך 4 טויזנט יאָר אַ ייד; אויסשליסלעך אַ ייד.״ באַמערקט יוסף ראָט, ווען ער וויזט אָן אויף די ליידן פון מזרח־אייראָפּעאישע יידן. „איינער האָט א דורות־אַלטן גורל, אַ בלוט־בונד, וואָס נעמט אַרום אַלעמען״.

דאָך האָבן אַ סך פון אונדז פאַרלוירן דעם המשך פון קאָנטינואיטעט. מיר זענען מער נישט בכוח זיך צו אידענ־טיפיצירן מיט דער פאַרגאַנגענהייט, אָדער צו זען אונדז (ווי יידן — מ.א.) אין דער צוקונפט. איך מוז זיך אַליין קאָנפראָנטירן ווי אַ ייד — אײדער איך פאַרשטיי, וואָס עס באַדייט צו זיין אַ ציוניסט. אין אָט דער פיל דעבאַ־טירטער רעטעניש, ליגט דער אָנהויב און דער סוף.״

אויף אַ צווייטן אָרט, אין זיין רעפעראַט, שילדערנדיק די אידענטיפיקאַציע וואָס איז פאַר אַ טייל יידן געבליבן פון זייער יידישקייט; מדינת־ישראל, און צוליב דעם באַ־טראַכטן זיי זיך ווי ציוניסטן, מאַכט דער רעדנער דעם אויספיר: „דאָס איז דער נייער ציוניזם. די זאָרג פאַר אַן אידענטיטעט, אײדער איינבילדונג וועגן טעריטאָריע״.

* * *

אָננעמענדיק, ווי אַן אויסגאַנג־פונקט פון דער דיסקו־סיע, אַז אידענטיפיצירנדיק זיך מיט מדינת־ישראל, קען ציוניזם ווערן דער צעמענטירנדיקער נאַציאָנאַלער כוח — קומט אויף די פראַגע:

— וועלכע פאָרם פון ציוניזם? די מזרח־אייראָפּע־אישע, וואָס האָט געבויט שולן מיט דער העברעאישער אונטערריכטס־שפּראַך — וואו איין שעה אין טאָג האָט מען געלערנט די לאַנדס־שפּראַך; אַ באַוועגונג וואָס האָט דערצויגן דורות חלוצים און בויער פון מדינת־ישראל — אָדער די אַנגלאָ־זאַקסישע פאָרם (Zionism), וואָס איר הויפּט־אויפגאַבע איז זאַמלען געלט פאַר ישראל און פון צייט צו צייט פּרווון אויסווירקן פּאָליטיש לטובת דער מדינה?

אַ וויכטיקער אַספּעקט האָט געפעלט אין דעם רע־

פעראַטן ציקל פון סימפּאָזיום: „די ראָל פון יידיש־לשון — דער גייסטיקער צונויפבונד פון מזרח־אייראָפּעאישע יידן — וואָס קאָנען מיר לערנען דערפון?״

נישט אַריינגייענדיק אין פּרטים וועגן דער היסטאָרי־שער ראָל פון יידיש און איר כוח אויפצוהאַלטן אייגנאַר־טיק יידיש לעבן, מוז מען אָבער קלאָר מאַכן אַז: אַן עטנישע גרופּע, כדי איינצוהאַלטן איר אייגענעם נאַציאָנאַלן פּנים מוז זי זיין גייסטיק, קולטורעל־שעפעריש, אייגנאַרטיק. צו דער דאַרף זי פאַרמאָגן אַן אייגענע שפּראַך, אַ שפּראַך וואָס בינדט די גרופּע צוזאַמען, און גלייכצייטיק דינט זי ווי אַן איזאָלאַציע קעגן דער אַריינדרינגונג פון אַ דרויסנדיקער שפּראַך, וועלכע ברענגט מיט זיך דרויסנדיקע קולטור, מנהגים, לעבנס־שטייגער, וואָס סוף כל סוף פירט עס צו גייסטיקער אַסימילאַציע, פּונקט ווי אין די פריערדיקע דורות האָט עס געפירט צו שמד.

* * *

אונדזערע קינדער ווערן וואָס אַ מאָל מער געביל־דעטער, די פראַגן קאָמפּליצירטער; די ענטפערס, אַקאַדע־מישער — און דערפאַר אָבער אָפּגעריסן פון היסטאָרישן שורש. וואָלטן אונדזערע אַקאַדעמיקער זיך געגעבן די מי דורכצופירן אַ וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג וועגן די צוויי טיילן פון יידישן פאָלק: אשכנזים און ספרדים, וואָלט זיך פאַר זיי אַנטפּלעקט אַ גראַנדיעז בילד פון דער שעפערי־שער טרייב־קראַפט פון דעם אשכנזישן טייל, וואָס איז געוואָרן דער פירנדיקער טייל פון יידישן פאָלק. זיי וואָלטן אויך אַנטפּלעקט דעם „סוד״, וואָס יעדער פּשוטער פאָלקס־מענטש ווייס: דער יידישער קולטור־רענעסאַנס, מיט זיין שפּראַך — י י ד י ש.

— מ. א.

יצחק הערש רובינשטיין
ע״ה

מאָנטיק, דעם 28־טן יוני ה״י איז אין מעלבורן געשטאָרבן דער לאַנג־יאָריקער רעדאַקטאָר פון די „אויסטראַלישע יידישע נייעס״, יצחק רובינשטיין ע״ה. דער נפטר איז אויך געווען פאָרזיצער פון קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור, אָנגעשלאָסן אין ישראלדיקן, און אַן אַקטיווער טוער לטובת דער קאָנפערענץ פאַר יידישער קולטור אין ירושלים, צו וועלכער ער האָט געזאָלט פאָרן אַלס דעלעגאַט אין חודש אויגוסט.

לויט דער איניציאַטיוו פון י. רובינשטיין, איז געשאַפן געוואָרן די חיים רובינשטיין פונדאַציע, וועלכע האָט געהאָלפן אַרויסגעבן עטלעכע יידישע ביכער, צוזאַמען מיטן ירושלימער העברעאישן אוני־ווערסיטעט.

תיקון־טעות

אין אַרטיקל פון י. גיליגיטש „ריטעם און פערזנבוי״ (אַפּריל, נומער 3), איז על פּי טעות אַדורכגעלאָזט געוואָרן איינער פון די פאַרשפּרייטסטע פאָרמען פון יידישן פערזנ־בוי, דער „יאמב״, וואָס באַשטייט פון פערזן מיט צוויי־טראַפּיקע גרופּעס מיטן אַקצענט אויפן צווייטן טראַף:

עס האָט | אַ ווינט | צעבראָ | כן
אין מי | טן ים | אַ שיף.
די נאַכט | געווען | איז פינצ | טער,
דער ים | געווען | איז טיף.

(זישאַ לאַנדוי)

אויב עס בלייבט צום סוף פון דעם פערז אַן איבע־ריקער טראַף, קען אויף אים נישט פאַלן דער אַקצענט.

מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

יולי 1976 נומער 3 (4) מעלבורן, אויסטראַליע

יידן אין אויסטראַליע — אין 25 יאָר אַרום*)

די נויטיקייט זיך צו פאַרטראַכטן וועגן גורל פון אונדזער צוקונפט ווי יידן, ווי אַן עטנישע מינדערהייט אין אויסטראַליע — איז געקומען אין דער געהעריקער צייט.

דאָס געפיל פון אחריות וואָס פאַרלאַנגט פון דער אָנפירערשאַפט פון ישוב צו געפינען די געהעריקע פאָרם פאַר דער קאָנטינואיטעט פון יידישן לעבן — פריוואַט און געזעלשאַפטלעך — אין די נאָענטסטע 25 יאָר, דאָס דאָזיקע געפיל האָט אינספירירט צו אָרגאַניזירן אַ סימפּאָזיום אויף דער דאָזיקער טעמע.

די דאָזיקע איניציאַטיוו דאַרף באַגריסט ווערן.

די ערנסטקייט פון פּראָבלעם האָט באַוואויגן צוצוציען צו דער אַרבעט געאָרדנטע אַקאַדעמישע מוחות — וועלכע זאָלן זיך אַריינטראַכטן אין דער פּראַגע — און זיך באַמיען אָנצווייזן אַ וועג, אָדער ריכט־ליניעס ביי וועלכע מען דאַרף זיך האַלטן. די צאָלרייכע באַטייליקונג פון יידישע וויסנשאַפטלער אין די דיסקוסיעס (שוין אָפּגערעדט פון אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע זענען מיט דעם ענין פאַרבונדן) איז אַ באַווייז, אַז אַלע אָן אויסנאַם זעען, פילן, שאַצן אָפּ, אַז קיין סך צייט איז שוין נישט געבליבן, און מער אָפּלייגן קאָן מען שוין נישט. מען מוז שוין אָנווייזן אויף די מיטלען וועלכע מען דאַרף אָננעמען, כדי ביזן יאָר 2000 זאָלן צווישן די עטנישע גרופּן נישט פעלן דער נאָמען: ייד.

די רעפעראַטן פון אַקאַדעמישע פערזענלעכקייטן ווי ד״ר מעדינג, מר. ראַטנער, פּראָפ. ענצעל, באָוועז־דזשיימס (ב.אַ.); קאַנבעראַ); די אַרויסטריטן פון די דיסקוטאַנטן וואָלטער ליפּמאַן, סעם ליפּסקי, יאַקובסאָן, אַרנאָלד בלאָך, איזי לייבלער, פּראָפ. טאַפּט, ד״ר שנייוויס, רבי פּאָקס, רבי ליווי און אַ גאַנצע ריי פערזענלעכקייטן און יוגנט־טוער (גערש, פאָרזיצער פון יידישן סטודענטן פאַרבאַנד, דוד ברוס) האָבן געשטעלט דעם פּראָבלעם, ווי אַ פּראַגע פון זיין, פון בלייבן יידן, פון אויפהאַלטן אונדזער אידענטיטעט, אָדער ווערן — ווי איין דיסקוטאַנט האָט זיך אויסגעדריקט: „אַ טייל פון אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס שאַפט אַ נאָמענלאָזע געזעלשאַפט״.

דאָס רוב רעפערענטן (און דיסקוטאַנטן) האָבן אונטערגעשטראָכן, אַז רעליגיע האָט פאַרלוירן איר אויטאָריטעט. (די יידישע רעליגיע, וואָס איז פריער געווען דער אָנערקענטער מאַסשטאַב פון קאָלעקטיווער און אינדיווידועלער אויפפירונג — פירט מער נישט אויס די פונקציע. — ד״ר מעדינג).

די דיסקוסיע איז דעריבער אָנגעגאַנגען אַרום דער פּראַגע: וואָס קען ווערן דער פירנדיקער כוח אין יידישן לעבן?

ד״ר מעדינג זעט יידן, ווי אַ פאָלקס געמיינשאַפט (peoplehood). טיפע ביאָלאָגישע צוגעבונדנקייט צו דער פאַמיליע. די צוויי באַגריפן: ישראל און פאָלקס־געמיינשאַפט זענען אין דער איצטיקער צייט נישט לייכט פאַנאַנדערצוטיילן.

פּראָפ. ענצעל, אַנאַליזירנדיק פאַרשידענע עטנישע גרופּן, קומט צום אויספיר, אַז: כאָטש יידן און אַנדערע גרופּן האָבן בשותפותדיקע צילן (אויפצוהאַלטן די עטנישע איינהייט), קענען יידן מיט זיי נישט מיטאַרבעטן, צוליב זייער אַנטיסעמיטיזם אָדער אַנטי־ישראליזם. די יידישע געזעלשאַפט, מיינט פּראָפ. ענצעל, דאַרף שטיצן „קולטור־רעלן פלוראַליזם״ (ענגלישע קולטור — אויף ענגליש, און יידישע קולטור אויף ענגליש? — מ.א.) זי דאַרף אויך אויסברייטערן איר אַקטיוויטעט אויפן געביט פון בילדונג, ווייל עס איז דאָ אַ באַדערפעניש נאָך וויסן (אינפאָרמאַציע) וועגן די ענדערונגען אין דער לאַגע פון יידן, אין אַ געזעלשאַפט וואָס ענדערט זיך. אַלס ביישפּיל ברענגט ער דעם דערפאָלג פון דעם „יידישן פרייען אוניווערסיטעט״ פאַר סטודענטן אין סידנעי און מעלבורן, פון וועלכן עס געניסן נישט דווקא סטודענטן אַליין.

דער יונגער, ענערגישער באָוועז־דזשיימס רעדט אויף דער טעמע: „ישראל, ציוניזם און די אויסטראַלישע געזעלשאַפט״, אַ פּראָבלעם וואָס האָט אַ גאָר נאָענטן שייכות צו דער פּראַגע פון דער צוקונפט פון יידישער אידענטיטעט אין אויסטראַליע. וואָס־זשע מאַטערט אַ יונגן יידישן אַקאַדעמיקער:

„מיר טרעפן זיך אָ אויף אַ קריזיס פון ווערטן און

*) דער סימפּאָזיום: „אויסטראַליש יידנטום אין די קומענדיקע 25 יאָר״ איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורכן עקזעקוטיוו קאָונסיל פון אויסטראַלישע יידן, אין די טעג פון 13־טן און 14־טן יוני 1976.

SWISS MODELS Pty. Ltd.

MEN'S AND BOYS' SPORTSWEAR

WOMEN'S AND GIRLS' SPORTS SLACKS

214 ALBION STREET, BRUNSWICK

Telephone: 36-7688

sheraton

*

MAKERS OF FINE QUALITY CASUAL AND BUSINESS SHIRTS

12 RIVER STREET, SOUTH YARRA, 3141

Telephone: 24-3238

Printed by E. H. Gibbs & Sons, 19 Niagara Lane, Melbourne, for the publisher S. Goldstein, 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria, 3185, Australia

מעלבורנער בלעטער

אינהאלט

מ. אַ. — יידן אין אויסטראַליע — אין 25 יאָר אַרום 1

י. אָרבאַך — ווידער פּראָקלאַמירונג פון יידיש 2

באָריס שוואַרצשטיין — איין טאָג אין לעבן פון אַ סאָוויעטישן ייד 4

איזי אָניקאָווסקי — אַ יאָר אין ישראל 6

וו. יאַבלאָנסקי — און דאָס איז געווען אין פּוילן 8

יצחק קאַהאַן — דער אומשטערבלעכער שלום עליכם 11

י. מ. לעווין — צוויי לידער: צוויפלען; לידער צום פאַרנאַכטיקן אויפגאַנג 15

סענדער בורשטין — דער אויסטראַליער „געזערד" (זכרונות פון אַ מאָל) . 16

אינטערעסאַנט צו וויסן 18

ישעיהו מאָוב — שמואל ווייסבערג, דעד זיידע פון יידישן טעאַטער אין אויסטראַליע 19

מ. אייזענבוד — פּנינה (דערציילונג) 23

אַנערקענונג פון יידיש דורכן בילדונגס־מיניסטעריום אין ישראל 26

י. מ. לעווין — פון ביכער־טיש 27

אַ. אייזערנער — אויפן שפּיץ פעדער 28

קובאַ געטלער — דער 25־טער פילם־פעסטיוואַל 30

רחל בעקער — אַ בוך אַן אוצר 32

י. אַ. — פאַרגעקומענע „קדימה"־אונטערנעמונגען 34

אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן — נומער 3 (4) — יולי 1976